בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**קמ"א**

יו"ל: כ"ט סיון ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

א דיבור פון א תנא!

זאָג - "איך גלויב"!

דער שטומער בחור

מיטהאלטן דעם רשע'ס מפלה

גאר עפעס אנדערש

די ארץ ישראל'דיגע קינדערלעך

בענין לימוד זכות על רשעים

באקומען זיין ערליך פארדינטן
סוף נאך 490 יאר!

דריי יאר באהאלטן אין בונקער

טוה און טוה און טוה!

מ'דארף קענען בלאָזן...

זעה דער עולם זאל באצאלן

א קעשענע מיט דיבורים...

"וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ"

נישטא קיין סאך אזעלכע תפילות...

הערות והארות מתקבלות בחפץ
לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3)
של השיעור, יש לפנות דרך
האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת
הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי
לקבל את הקונטרסים דרך הדואר
(בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
**בקו 'מערכת ברסלב'**
**ארה''ק:** 02.560.7387
**ארה''ב:** 646.585.2985
**ענגלאנד:** 0330.390.0487
**בעלגיע:** 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #141**

בס"ד

# פרשת צו - פרה

**שנת תשל"ו**

(טייפ מס' 155#)

## א דיבור פון א תנא!

לעתיד וועט דער אויבערשטער אויסשטעלן ביי דעם שער (פון ירושלים) צוויי דימיטן[א] וואס וועט ערהאלטן דרייסיג איילן אויף דרייסיג איילן - און עס וועט באלייכטן גאנץ ירושלים. דאס איז א דימיט גרעסער ווי א שטוב; וואו זעהט מען דאס אין דער וועלט?! האט עפעס א תלמיד מלגלג געווען, ער האט נישט ארויסגערעדט מיטן מויל - נאר לגלג - 'דער רבי האט דען אויסגעמאסטן פונקט דרייסיג?!'.

(א צייט דערויף) איז ער געפארן אויפן ים, האט ער געזעהן מלאכים ביי אזא דימיט - פונקט אזוי ווי ר' יוחנן האט געזאגט. אז ער איז געקומען צו ר' יוחנן, האט ער געזאגט: "רבי, לך נאה לדרוש; אזוי ווי דו האסט גע'דרשנ'ט - אזוי האב איך געזעהן!". (אמר לו ר' יוחנן:) "און איידער דו האסט געזעהן - לגלגת?" האט ער אויף אים א קוק געגעבן - איז ער געווארן א 'גל של עצמות'.

אינ'אמת'ן, ס'איז דאך א געוואלד, וואס האט ער דא געטוהן דער תלמיד? נאר דער פגם איז געווען, ביי אים איז נישט געווען חשוב דער דיבור פון ר' יוחנן! ווען ר' יוחנן האט געזאגט דאס דאזיגע, איז אויסגעקומען ביי אים - 'וואס זאגט דא ר' יוחנן? קען דען זיין א מציאות א דימיט אזוי גרויס ווי א הויז - דאס איז דאך ווי א ריזיגן הויז? אזעלכע דימיטן וועט דען זיין?!'

אט דאס איז דער פגם!

---

[א] עיין כל זה בגמ' ב"ב דף ע"ה ע"א; סנהדרין ק"ו ע"א.

וויבאלד א פגם אין אמונת חכמים - קען דאס אים שוין ברענגען צו אלע עבירות שבעולם אויך, קען ער שוין עובר זיין אויף אַן איסור כרת אויך - ער האט נישט קיין אמונת חכמים. ווער איז אונז דען קובע די אלע זאכן - אַן איסור כרת - ווער איז אונז דאס קובע? ווער מאכט אונז די אלע דיקדוקים אויב נישט די חכמים וואס 'מפיהם אנו חיים'?! אויב מיר זאלן זיך חלילה געבן א ריר אָן זיי - איז מען דאך עלול על כל עבירות שבעולם[ב].

❖

## זאָג - "איך גלויב"!

דער רבי זאגט[ג]: "מען דארף רעדן דיבורי אמונה מיטן מויל!".

די גמרא זאגט[ד]: יֵהוּא האט געוואלט אויסרוימען אחאב'ן מיט די אלע עבודות זרות - ער האט געוואלט אויסרייסן די אלע 'נביאי הבעל'. האט ער געזאגט[ה]: "יֵהוּא יַעַבְדֶנּוּ הַרְבֵּה"; ער האט זיי געוואלט פאַרנאַרן - זענען זיי אלע געקומען, און ער האט זיי אלעמען דארטן אויסגע'הרג'עט.

איז כאטש זיין כוונה איז דאך געווען ער זאל אויסרוימען די עובדי הבעל, אבער פארוואס האסטו געדארפט רעדן מיטן מויל 'יהוא יעבדנו הרבה'?! אז ער האט מיטן מויל ארויסגערעדט 'יהוא יעבדנו הרבה', איז ער שוין אליין אויך געווארן אַן עובד עבודה זרה.

---

[ב] עיין ליקוטי הלכות הל' יבום ה"ג, אותיות ב', כ"ח; הל' חזקת מטלטלין ה"ד, אות ב'.

[ג] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ד: **הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם**, בִּבְחִינַת: "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי" (תְּהִלִּים פ"ט). הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה, וְגַם עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה. **וּמֵחֲמַת זֶה צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד מִדִּבּוּרִים שֶׁל כְּפִירָה וְאֶפִּיקוֹרְסוּת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ אוֹמְרָם מִלִּבּוֹ**; הַיְנוּ שֶׁהוּא בְּעַצְמוֹ מַאֲמִין וְאֵינוֹ כּוֹפֵר, חַס וְשָׁלוֹם, רַק שֶׁהוּא חוֹזֵר וְאוֹמֵר דִּבְרֵי אֶפִּיקוֹרְסוּת שֶׁשָּׁמַע בְּשֵׁם אֲחֵרִים, שֶׁהֵם אֶפִּיקוֹרְסִים, וְהוּא מִתְלוֹצֵץ מֵהֶם, אַף עַל פִּי כֵן גַּם מִזֶּה צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד, כִּי הַדִּבּוּר הַזֶּה שֶׁל כְּפִירָה מַזִּיק לָאֱמוּנָה. גַּם הוּא אִסּוּר גָּמוּר, כִּי **עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בָּרוּךְ הוּא, אָסוּר לוֹמַר דִּבְרֵי הֲלָצוֹת, אֲפִלּוּ בְּדֶרֶךְ שְׂחוֹק**.

[ד] סנהדרין קב.

[ה] מלכים-ב י, יח.

אפילו דו דארפסט און דו ווילסט טוהן - מיטן מויל זאלסטו נישט רעדן קיין 'דבר פגום'! אפילו דו מיינסט עס נישט אויף ריכטיג נאר דו מיינסט יענעם צו פארנארן; פאַרנאַרן קענסטו - אבער א דיבור פגום זאלסטו נישט רעדן![ו].

**"דיבורי אמונה"!**

אפילו אז די אמונה איז אמאל ביי א מענטש נישט שטארק, זאל ער (זאגן) - **"איך גלויב! איך גלויב אין דיר! איך גלויב אין דיינע חכמים! איך גלויב!"** - ער זאל זיך דעמאלט שטארקן מיט 'דיבורי אמונה'![ז].

**"מי שיש לו אמונה"** - זאגט דער רבי[ח] - **"חייו חיים"! אבער "מי שאין לו אמונה"** - זיין לעבן איז קיין לעבן נישט - עס איז גאר קיין לעבן נישט אויב ער האט נישט קיין אמונה! אָן אמונה קען מען זיך נישט רירן!

---

[ו] עיין שיחות הר"ן רל"ז: **אָמַר שֶׁצָּרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִבְלִי לְהוֹצִיא מִפִּיו דִּבּוּר שֶׁל רִשְׁעוּת חַס וְשָׁלוֹם, אֲפִלּוּ בְּדֶרֶךְ לֵיצָנוּת.** דְּהַיְנוּ שֶׁלֹּא לוֹמַר חַס וְשָׁלוֹם, עַל עַצְמוֹ שֶׁיִּהְיֶה רָשָׁע חַס וְשָׁלוֹם, אוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה עֲבֵרָה חַס וְשָׁלוֹם. אַף שֶׁאוֹמֵר זֹאת בְּדֶרֶךְ לֵיצָנוּת וְאֵין בְּלִבּוֹ כְּלָל לַעֲשׂוֹת זֹאת, אַף עַל פִּי כֵן זֶה הַדִּבּוּר מַזִּיק לוֹ מְאֹד וְיָכוֹל לְהַכְרִיחוֹ חַס וְשָׁלוֹם, אַחַר כָּךְ לַעֲשׂוֹת זֹאת שֶׁהוֹצִיא מִפִּיו אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא אֲמָרָהּ מִלִּבּוֹ רַק בְּדֶרֶךְ לֵיצָנוּת. וְעַל יְדֵי זֶה נִכְשַׁל יֵהוּא הַמֶּלֶךְ עַל יְדֵי שֶׁהוֹצִיא מִפִּיו וְאָמַר (מְלָכִים ב י־יח): **"יֵהוּא יַעַבְדֶנּוּ הַרְבֵּה"**. אַף עַל פִּי שֶׁבְּלִבּוֹ הָיָה לִבְלִי לְעָבְדוֹ רַק אָמַר זֹאת בְּדֶרֶךְ לֵיצָנוּת כְּדֵי לְהַטְעוֹת אֶת עוֹבְדֵי הַבַּעַל כַּמְבֹאָר שָׁם בַּמִּקְרָא, אַף עַל פִּי כֵן נִכְשַׁל אַחַר־כָּךְ עַל יְדֵי זֶה עַד שֶׁעָבַד בְּעַצְמוֹ עֲבוֹדָה זָרָה כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה. עַל כֵּן צְרִיכִין לִזָּהֵר מִזֶּה מְאֹד כִּי בְּרִית כְּרוּתָה לַשְּׂפָתַיִם וְכוּ' כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סַנְהֶדְרִין ק"ב. מוֹעֵד קָטָן י"ח.).

[ז] שַׁיָּךְ לְמַה שֶּׁאָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עַל פָּסוּק (תְּהִלִּים פט־ב:) "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי" שֶׁעִקַּר הָאֱמוּנָה תְּלוּיָה בַּפֶּה שֶׁל הָאָדָם וְכוּ' בְּ"לִקּוּטֵי תִנְיָנָא" סִימָן מ"ד. רְאֵה זֶה מָצָאתִי מִכְּתַב יַד הַחֲבֵרִים בְּבֵאוּר יוֹתֵר קְצָת וְזוּ לְשׁוֹנוֹ: **כְּשֶׁנּוֹפֵל לְאָדָם סְפֵקוֹת בֶּאֱמוּנַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ יֹאמַר בְּפֶה מָלֵא: אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהוּא יָחִיד רִאשׁוֹן וְאַחֲרוֹן.** כִּי יָדוּעַ שֶׁיֵּצֶר הָרָע נִמְשָׁךְ מִגְּבוּרוֹת הַנְּפוּלִין וְיֵשׁ גְּבוּרוֹת דִּקְדֻשָּׁה שֶׁבָּהֶם מַמְתִּיקִים הַגְּבוּרוֹת דִּקְלִפָּה וְהַדִּבּוּר הוּא בְּחִינַת גְּבוּרוֹת דִּקְדֻשָּׁה כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים קמה־יא:) "וּגְבוּרָתְךָ יְדַבֵּרוּ". נִמְצָא כְּשֶׁיֹּאמַר אֲנִי מַאֲמִין כַּנַּ"ל הוּא גְּבוּרוֹת דִּקְדֻשָּׁה וּבָזֶה הוּא מַמְתִּיק אֶת הַסְּפֵקוֹת שֶׁהוּא בְּחִינַת גְּבוּרָה דִּקְלִפָּה. וְזֶהוּ שֶׁאָמְרוּ בַּגְּמָרָא (בְּרָכוֹת ה.): 'לְעוֹלָם יַרְגִּיז אָדָם יֵצֶר טוֹב עַל יֵצֶר הָרָע', דְּהַיְנוּ שֶׁבִּגְבוּרוֹת דִּקְדֻשָּׁה מַמְתִּיק גְּבוּרוֹת דִּקְלִפָּה. וְזֶהוּ שֶׁאָמְרוּ בַּגְּמָרָא: שְׁמִי שֶׁרוֹצֶה שֶׁלֹּא יִהְיֶה רַגְזָן - יִהְיֶה דִּבּוּרוֹ בְּנַחַת, נִמְצָא שֶׁהַדִּבּוּר בְּנַחַת הוּא אֵינוֹ כָּל־כָּךְ רֹגֶז. וְהַשְׁתִּיקָה מְשַׁתֵּק הָרֹגֶז. אֲבָל הַדִּבּוּר בְּפֶה מָלֵא הוּא בְּחִינַת רֹגֶז שֶׁהוּא בְּחִינַת גְּבוּרָה כַּנִּזְכָּר לְעֵיל.

[ח] שיחות הר"ן אות נ"ג.

יעדע מצוה אין דער תורה האט נישט קיין שום שלימות נאר אז איך וועל האבן אמונת חכמים! ווער מאכט אונז דער מידה פון דער מצוה, דער צמצום פון דער מצוה? ווער מאכט דאס אונז?!

❖

## דער שטומער בחור

רבי פנחס'ל קאריצער, זכרונו לברכה, איז א שטיק צייט געווען פארבאהאלטן, מען האט אים גערופן "דער שטומער בחור", ער האט זיך געמאכט ווי ער רעדט נישט.

איז געווען איינער דארטן אין דעם ארט פון רבי פנחס'ל, וואס 'רחמנא ליצלן', עס איז אים אנגעקומען געדאנקען פון כפירה. ער איז געווען אַן ערליכער איד; אמאליגע יארן - צוריק מיט א צוויי הונדערט יאר - אז עס קומט אים אָן געדאנקען פון כפירה - איז אים געווען פארביטערט נעבעך, 'חייו אינם חיים'; און פאר וועמען זאל ער זיך אויסרעדן - ער שעמט זיך דאך? איז אים געווען נאך ערגער - ער האט זיך נישט פאר וועמען אויסצורעדן.

האט ער זיך מיישב געווען, דער שטומער בחור וואס ליגט דארטן אין בית מדרש - ער וועט דאך קיינעם נישט דערציילן - ער איז דאך 'שטום', וועט ער זיך פאר אים אויסרעדן - און ער וועט אוועקגיין, וועט אים ווערן אביסל גרינגער, און שוין.

איז ער אריינגעגאנגען אין בית מדרש, עס איז שוין געווען ביינאכט, ר' פנחס'ל האט שוין געהאלטן דעמאלט אינמיטן דער עבודה - ארומגעגאנגען דער בימה מיט א דביקות. האט יענער אים אנגעכאפט און אים דערציילט אינגאנצן זיין הארץ, און גייט אוועק.

דעמאלט האט ר' פנחס'ל אנגעהויבן צו רעדן - ער איז שוין מער נישט געווען שטום... ער האט אים שוין צוריקגערופן, און ער האט אים געזאגט דארטן וואס ער

האט אים געזאגט דארטן - עפעס אויסזאגן תהלים - עס איז דא אסאך חילוקים דארטן וואספארא עצות ער האט אים געגעבן. הכלל, ער האט אים געגעבן עצות[ט].

זעהען מיר דאך ארויס, אז אַן ערליכער איד קומט אים אָן עפעס א געדאנק, דארף ער נישט שווייגן, ער דארף איינרייסן קברים[י] - 'געוואלד! צו מיר זאל זיין אזא מין געדאנק??!'.

אז דער אויבערשטער האט אויף אים רחמנות, געפינט ער שוין א שטומער בחור, ער געפינט שוין רפואות מיט וואס ער ראטעוועט זיך. אבער אז ער לאזט אפ און עס אַרט אים נישט - דער אויבערשטער זאל אפהיטן, קען ער חלילה ממש ווערן א כופר אויך.

די אלע כופרים זענען נישט געווארן מיט איינמאל, זיי זענען געווארן צוביסלעך צוביסלעך, רחמנא ליצלן, די אמונה איז געווארן קאליע, קאליע, קאליע, צוביסלעך, ביז ס'איז ארויס א כפירה ממש. "אַחֵר" איז דען געווארן אַן אפיקורס אזוי גיך מיט איינמאל??!'

בשעת עס הויבט זיך נאך אָן - דארף מען 'שוין' דעמאלט נישט שווייגן! דארף מען 'שוין' נישט שווייגן!

אז א מענטש האט דארטן א גשמיות'דיגן חולאת, זאל ער נישט שווייגן באלד ביים אנהויב; אז ער וועט שווייגן, וועט ווערן דאס חולאת גרעסער, וועט זיין שווערער צו באקומען א רפואה. אזוי אויך - דאס אייגענע אין רוחניות; אז עס הויבט זיך נאר אָן עפעס א זאך - שווייג "שוין" נישט!

שווייג נישט!

אונזער עצה איז - תפילה צום אויבערשטן; תפילה, צדקה, און וואס מען דארף.

---

[ט] עיין טעם זקנים קונטרס ס"ה: ער האט אים געזאגט עפעס דריי זאכן, איינס איז זיין נזהר אין 'סעודת ראש חודש', זיין א נזהר אין 'אמירת תהלים', און דאכט זיך אויסזאגן תהלים 'בלי הפסק', און עפעס נאך א זאך האט ער אים געזאגט.

[י] עפ"י סיפורי מעשיות - מעשה ג' - מהחיגר, עיין שם.

אזוי ווי ביי א גשמיות'דיגע צרה איז א מענטש מרבה בתפילה - אלע זענען דאך דעמאלט מרבה בתפילה, אלע האבן אויף אים רחמנות, און אזוי אויך ווען א מענטש דארף נעמען א גרויסן פראפעסאר וואס ער דארף אים געבן צען טויזנט דאלער, האט מען רחמנות, מען לייגט דאך איין דער וועלט, אידן 'בני רחמנים'; אזוי דארף מען איינלייגן דער וועלט אויף א רוחניות'דיגן חולאת.

אויף א חולאת וואס קיינער ווייסט נישט דארף מען אויך איינלייגן דער וועלט!

דער רבי האט אונז מודיע געווען, זיך צו ראטעווען פון אלע מיני חולאת איז נאר מיט תפילה![יא] צדקה מיט תפילה!

'זיך אויסרעדן פאר השי"ת אזוי ווי פאר א אמת'ן גוטן פריינד'![יב] נישט דאס לאזן אויף לאנג; היינט איז בעסער ווי מארגן.

❖ ❖ ❖

## מיטהאלטן דעם רשע'ס מפלה

וועלן מיר לערנען תורה נ"ה, דאס האט א שייכות צו שבת פרשת פרה.

"לשון רביז"ל. **איתא בגמרא**[יג]**: אבא שאול אומר, קובר מתים הייתי**" - איך בין געווען א קובר מתים. די תנאים - א קליינינקייט - אבא שאול?! - איז ער געווען א קובר מתים, א באגרעבער, א קברן.

"**פעם אחת רצתי אחר צבי, ונכנסתי**" - איך בין אריינגעגאנגען אין א "**קולית של מת**" - אין א קולית (- עצם ירך. רש"י.) פון א מת. "**ורצתי אחריו שלש פרסאות**" - איך

---

[יא] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א', אות י"א (עפ"י ליקו"ע): **לִפְעָמִים הַחוֹלַאַת עֲדַיִן נֶעְלֶמֶת בָּאָדָם וְאֵינָהּ נִתְגַּלֵּית, וְאָז אֵין שׁוּם דּוֹקְטוֹר יָכוֹל לְרַפְּאוֹת אוֹתָהּ. אֲבָל כְּשֶׁזּוֹכֶה לִתְפִלָּה יוּכַל לְהִתְרַפְּאוֹת אֲפִלּוּ כְּשֶׁעֲדַיִן לֹא נִתְגַּלָּה הַחוֹלַאַת, וְלֹא יָבוֹא לִידֵי מַחֲלָה כְּלָל.**

[יב] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות ד'. [מובא גם בהקדמת ספר השתפכות הנפש]

[יג] נדה כד:

בין אים נאכגעלאפן דריי פרסאות אין דעם 'קולית'. א פרסה איז דאך פיר מיל - פיר קילאמעטער. בין איך נאכגעלאפן נאך אים 'דריי פרסאות', דאס הייסט - צוועלף מיל. "וצבי לא הגעתי, וקולית לא כלתה" - דער קולית האט זיך נישט אויסגעלאזט, און איך האב נישט געכאפט דעם הערש - אזא גרויסע קולית איז דאס געווען. א קולית פון א מת זאל ערהאלטן צוועלף קילאמעטער?!

"וכשחזרתי לאחורי, אמרו לי" - האט מען מיר געזאגט, "של עוג מלך הבשן היא" - דאס איז דער קולית פון עוג מלך הבשן - אזוי דערציילט די גמרא.

אז מען לערנט אזא מין מאמר, דאס איז דאך א וואונדערליכער מאמר; חלילה אויב די אמונה איז קאליע - 'א קולית פון א מת זאל זיין גרוים צוועלף מיל - דריי פרסאות?!'. פון אזעלכע מאמרים איז געווארן "ופושעים יכשלו בם" - פון א פליאה'דיגן מאמר.

איז ער אַן ערליכער איד, (ווייס איך) - 'איך פארשטיי נישט' - איך ווייס גארנישט וואס אין דעם מאמר טוהט זיך, איך ווייס אז עס איז הייליג, עס איז רוח הקודש - אט דאס ווייס איך - נאר איך פארשטיי נישט. אז איך פארשטיי נישט (איז דען עפעס א חסרון אין דער מאמר חלילה?!).

אבער איינער וואס איז אזוי (- די אמונה איז אים קאליע), מאכט דאך א געלעכטער דערפון - 'דאס איז דאך אזא מעשה וואס איז גארנישט צו פארשטיין'... פון אזעלכע מאמרים איז "ופושעים יכשלו בם".

אז דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה, האט ער עס גליך געגעבן אויף אַן אופן פון 'סם חיים' און פון 'סם המות'. איז ער זוכה - איז עס א 'סם חיים', און אויב ער פארשטייט נישט - גלויבט ער באמונה שלימה אז דאס איז אמת נאר איך פארשטיי נישט. און אויב חלילה - - ווערט א 'סם המות', ער האלט זיך גרעסער פון דוד המלך'ן ביי וועם עס שטייט דארטן - - און ער איז גרעסער, ער האלט זיך גרעסער פון יהודה, גרעסער פון ראובן'ען - איך האב אזוי נישט געטוהן; אט דאס איז "לא זכה"!

אזא מאמר פון "אבא שאול" דאס איז א וואונדערליכער מאמר; דער רבי וועט דא אויסטייטשן דעם מאמר.

זאגט דער רבי: "דע" - דו זאלסט וויסן, "כי לראות במפלתם של רשעים אי אפשר אלא על ידי בחינת ארץ ישראל" - צו זעהן די מפלה פון רשעים איז 'אי אפשר' נאר דורך 'בחינת ארץ ישראל'.

"בבחינת[יד]: 'שֵׁב לִימִינִי עַד אָשִׁית אוֹיְבֶיךָ הֲדֹם לְרַגְלֶיךָ'". דער אויבערשטער האט געזאגט צו אברהם אבינו'ן - 'זעץ זיך אוועק ביי מיין 'ימין'. אברהם אבינו האט געהאט אסאך רודפים, אלע יארן האט מען אים גע'רודפ'ט[טו], מען האט אים געווארפן אין א קאלך אויוון, מען האט אים אנגעטוהן צרות א געוואלד, ער האט אסאך נסיונות געהאט. (האט אים דער אויבערשטער געזאגט:) "זעץ זיך אוועק ביי מיין ימין - און דיינע שונאים וועלן האבן א מפלה; 'עד אשית אויביך הדום לרגליך'".

"ימין, זה בחינת ארץ ישראל" - 'ימין' מיינט מען ארץ ישראל. "בחינת בנימין, בן ימין, שנולד בארץ ישראל"[טז].

מיר זענען ברוך ה' אין ארץ ישראל; דער רבי זאגט אין דער תורה אז דורך ארץ ישראל קען מען זעהן די מפלה פון די רשעים.

וואס מיינט מען 'מפלתם של רשעים'? מען ווייסט דאך, אז איינער בעט אויף א רשע דער רשע זאל שטארבן - דאס וויל דאך נישט דער אויבערשטער. דער אויבערשטער וויל בעסער ער זאל טוהן תשובה[יז]; "כִּי לֹא תַחְפֹּץ בְּמוֹת הַמֵּת, כִּי אִם בְּשׁוּבוֹ מִדַּרְכּוֹ - וְחָיָה"[יח].

❖

---

[יד] תהלים קי.

[טו] עיין עוד חיי מוהר"ן שצ"ה.

[טז] כמובא בפירש"י פר' וישלח.

[יז] עיין פרפראות לחכמה על תורה זו, אות ז': ואנו מתפללין שנזכה לראות בהכרת רשעים שזה בחינת "והגילולים כרות יכרתון", על דרך שאמרו רז"ל (ברכות י) 'חוטאים' לא נאמר אלא 'יתמו חטאים' וכו' (תהלים ק"ד), וזה "להפנות אליך כל רשעי ארץ וכו' לפניך ה' אלקינו יכרעו ויפולו" וכו' וכו' שכל זה בחינת התגלות פני ה' לעושי טוב בחינת לראות מהרה בתפארת עוזך לראות דייקא כנ"ל.

[יח] מתוך תפילת הש"ץ במוסף של ימים נוראים.

# גאר עפּעס אנדערש

מיר זענען ברוך ה' דא אין ארץ ישראל! ווען דער רבי קומט צו א שמועס פון ארץ ישראל, צו ווען רבי נתן בעט אין א תפילה אז מען זאל זוכה זיין צו קומען קיין ארץ ישראל, (טראכט מען, 'לכאורה) מיר זענען דאך שוין דא אין ארץ ישראל?' מען דארף אבער בעטן מען זאל זוכה זיין צו 'קדושת ארץ ישראל'.

דא אין דעם עולם דערקענט מען גארנישט. דער רבי רעדט, אז מען זעהט אַן איש כשר - און דער אנדערער איז נישט קיין איש כשר - וואס זעהט מען א חילוק פון 'דעם' ביז 'דעם'? 'דער' האט א נאז מיט א מויל מיט אויגן, און 'דער' אויך? נאר אַן איש כשר, זאגט דער רבי[יט], איז אַן 'ענין אחר לגמרי'!

דער איז אַן 'ענין אחר לגמרי' - ער האט א כשר הארץ, א כשר'ן מח, כשר'ע אויגן, א כשר מויל - אַן איש כשר איז אַן 'ענין אחר לגמרי'. עס דאכט זיך אז ער גייט ארום מיט א פעסל קישקעס אזוי ווי דער אנדערער, אבער דאס איז אַן 'ענין אחר לגמרי'.

זעהען מיר דאך ארויס, עס קענען זיין צוויי מענטשן וואס איינער זיצט לעבן דעם אנדערן, און 'דער' פילט ש"י עולמות - און 'דער' פילט גארנישט[כ]. דער איז א צדיק א קדוש - און יענער פילט גארנישט.

דאס אייגענע איז צווישן ארץ ישראל מיט אַן אנדער לאנד; וואס קען מען וויסן?! אמאל אז מען קומט אהערצו, (טראכט מען,) 'וואס איז א נפקא מינה?' (אבער באמת) ארץ ישראל איז אַן 'ענין אחר לגמרי'.

פון זוהר הקדוש איז דא[כא], דא אין ארץ ישראל איז דא אַ אנדער הימל - עס איז נישט דער הימל וואס איז דא (ערגעץ אנדערש). די וועלט זאגט[כב], דאס איז 'עולם היצירה', און דער הר הבית איז 'עולם הבריאה', און די קדשי קדשים איז 'עולם האצילות'.

---

[יט] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קט"ז; שיחות הר"ן י"ד.

[כ] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קצ"א: דַּע שֶׁאֶפְשָׁר שֶׁיֵּשֵׁב אֶחָד אֵצֶל חֲבֵרוֹ בְּמָקוֹם אֶחָד בְּגַן עֵדֶן, וְלָזֶה יִהְיוּ כָּל הַתַּעֲנוּגִים וְהַשַּׁעֲשׁוּעִים וְכָל הַשַּׁ"י עוֹלָמוֹת, וַחֲבֵרוֹ לֹא יַרְגִּישׁ כְּלוּם וְלֹא יִהְיֶה לוֹ שׁוּם תַּעֲנוּג, וכו' עיין שם.

[כא] פר' ויקהל דף רט:

[כב] עיין פרדס רימונים שער כ"ג פ' י"ז; עמק המלך שער י"ד פרק פ"א.

אז דער אויבערשטער העלפט אז מען האט אמונה, מען גלויבט אז וואס די צדיקים זאגן - דער אר"י הקדוש - עפעס א קליינקייט?! - דאס איז אלץ 'אמת ויציב ונכון וקיים', דעמאלט איז ארץ ישראל גאר עפעס אנדערש, גאר אַן 'ענין אחר לגמרי'! עס איז טאקע די אייגענע חדר, די אייגענע שטיבער, אבער עס איז גאר עפעס אנדערש!

"ארץ ישראל איז די זאך פון תפילין" - אזוי זאגט דער רבי אין תורה מ"ז[כג] - "ארץ ישראל איז תפילין". פון תפילין טאר מען נישט מסיח דעת זיין; אז מען גייט אנגעטוהן די תפילין, טאר מען נישט מסיח דעת זיין, מען דארף וויסן - מען גייט אנגעטוהן תפילין!; אז מען איז אין ארץ ישראל דארף מען אויך וויסן - מען איז אין ארץ ישראל. דארף מען האלטן דעם מח אפגעהיט, האלטן דאס מויל אפגעהיט - מען איז אין ארץ ישראל! איך בין אין היכל המלך! איך בין אין ארץ ישראל! וואו מען גיט זיך א ריר איז אלץ (אין ארץ ישראל).

דארף מען בעטן דעם אויבערשטן. און מיר האבן די הייליגע ספרים צו לערנען.

ברוך ה' - מיר זענען אין ארץ ישראל! אין איין אופן איז אוודאי זייער גוט. אבער צוריק ווידער, מען דארף וויסן, אז דו ביסט ביים מלך אין שטוב דארפסטו זיין זייער פארזיכטיג. אזוי ווי די מעלה איז דא בעסער - איז דער פגם דא גרעסער; דו ביסט דאך אין היכל המלך![כד].

❖

## די ארץ ישראל'דיגע קינדערלעך

זאגט דער רבי ווייטער (אות ב'): "צו ממשיך זיין קדושת ארץ ישראל איצטער אין גלות 'שהיא תחת יד הסטרא אחרא, ואין יכולת בקדושתה להתגלות'" - זי קען נישט ארויסווייזן איר קדושה. זאגט דער רבי: "אף על פי כן, קען מען מגלה זיין און

[כג] וזל"ש: וְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שֶׁעִקַּר קַבָּלָתָהּ מִבְּחִינַת יַעֲקֹב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית ל"ז): "וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ". בִּשְׁבִיל זֶה, נִקְרֵאת אֶרֶץ הַחַיִּים (זֹהַר וַיִּקְרָא מ"ה:). כִּי תְּפִלִּין נִקְרָאִים חַיִּים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָה ל"ח): "ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ", וכו' עיין עו"ש.

[כד] וכמבואר היטב בספר חרדים פרק נ"ט, עיין שם, ובעוד שאר ספרי קודש.

ממשיך זיין 'קדושתה - **אפילו בגלות המר הזה**" - איצטער קענסטו אויך מגלה זיין קדושת ארץ ישראל, "בבחינת[כה]: '**וְאַף גַּם זֹאת בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם**'".

דער רבי רעדט ווייטער[כו]: "גם זאת. 'גם' איז מ"ג, דאס איז דער שיעור חלה - מ"ג ביצים. און חלה איז ארץ ישראל, ווייל די ערשטע מצוה פון ארץ ישראל איז געווען די מצוה פון חלה. איז אפילו מען איז "בארץ אויביהם", קען מען אויך מגלה זיין דער "גם זאת" - די 'קדושת ארץ ישראל'. אוודאי איז דאס שווער, אבער מען קען דאס מגלה זיין. וויבאלד עס איז דא אַן ארץ ישראל, איז כאטש זי איז אין גלות, פונדעסטוועגן קען מען איר מגלה זיין.

דאס וואס דער רבי ברענגט דארט[כז] אז דערפאר איז דער 'אוירא דארץ ישראל מחכים' ווייל די "עיני ה'" איז תמיד אין ארץ ישראל - "**תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ**", אט דאס איז איצטער אויך דא; "**אוירא דארץ ישראל מחכים**".

נאר וואס דען, אז דער אויבערשטער העלפט אז מען איז זוכה, איז עס מחכים - אז מען היט אפ דעם מח, מען איז מקושר צום אויבערשטן מיט דעם געדאנק[כח]. און אז

---

[כה] ויקרא כו, מד.

[כו] עיין שם בתורה להלן אות ח', וזל"ש: וְעַל יְדֵי תְּפִלָּה כְּתִקּוּנוֹ, מִתְנוֹצֵץ אוֹר זְכוּת אָבוֹת, בִּבְחִינַת: 'חָלָה זְכוּת אָבוֹת' [עַיֵּן בַּזֹּהַר שְׁלַח, הַנַּ"ל (בְּאוֹת ב)]. וְזֶה נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי תְּפִלּוֹת כְּתִקּוּנוֹ, כִּי חָלָה זְכוּת אָבוֹת, עַל יְדֵי: "וַיְחַל משֶׁה אֶת" וְכוּ' (שְׁמוֹת ל"ב) עַל יְדֵי בְּחִינַת תְּפִלָּה. וּבַאֲתַר דְּאָבוֹת תַּמָּן, שְׁכִינְתָּא תַּמָּן, שֶׁהִיא בְּחִינַת חַלָּה, שֶׁהִיא גַּם זֹאת. כִּי גַּם בְּחִינַת חַלָּה, שֶׁהִיא שִׁעוּר מ"ג בֵּיצִים. וְהוּא בְּחִינַת יְרֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כִּי זֹאת הַמִּצְוָה נִצְטַוּוּ שֶׁיַּעֲשׂוּ תֵּכֶף, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּמִדְבַּר ט"ו): "וְהָיָה בַּאֲכָלְכֶם מִלֶּחֶם הָאָרֶץ תָּרִימוּ תְרוּמָה מֵרֵאשִׁית עֲרִיסֹתֵיכֶם חַלָּה תָּרִימוּ תְרוּמָה". כִּי 'בְּאַתַר דַּאֲבָהָן תַּמָּן, שְׁכִינְתָּא תַּמָּן'. דְּהִיא בְּחִינַת חַלָּה, הִיא אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

[כז] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ': עִקַּר מַעֲלַת קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא רַק עַל יְדֵי הַשְׁגָּחַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וּמֵחֲמַת שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִסְתַּכֵּל בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל תָּמִיד, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים י"א): "**תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה**", עַל יְדֵי זֶה אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מְקֻדֶּשֶׁת וַאֲוִירָהּ מַחְכִּים (ב"ב קנ"ח:), כִּי עֵינַיִם עַל שֵׁם הַחָכְמָה, כִּי הִתְפַּתְּחוּת הַחָכְמָה נִקְרָא בְּחִינַת עֵינַיִם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית ג): "וַתִּפָּקַחְנָה עֵינֵי שְׁנֵיהֶם", וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: 'עַל שֵׁם הַחָכְמָה נֶאֱמַר'. וּמֵחֲמַת שֶׁעֵינֵי ה' בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שֶׁמִּסְתַּכֵּל בָּהּ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה '**אֲוִירָא דְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מַחְכִּים**'.

[כח] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' מ"ד: '**אֲוִירָא דְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מַחְכִּים**' (בָּבָא בַּתְרָא קנ"ח:), **וְעַל יְדֵי זֶה נִזְדַּכֵּךְ מֹחוֹ, הַיְנוּ מַחֲשַׁבְתּוֹ.** וְזֶה פֵּרוּשׁ (בְּרֵאשִׁית ט'): "וּרְאִיתִיהָ לִזְכֹּר בְּרִית עוֹלָם", 'וּרְאִיתִיהָ', עַל יְדֵי בְּחִינוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר וְנִתְתַּקֵּן בְּרִית עוֹלָם, בִּבְחִינוֹת תְּפִלָּה, ח"י בִּרְכָאן דִּצְלוֹתָא, צַדִּיק חַי עָלְמִין.

חלילה פארקערט - קען מען דא ווערן א מחכים אויף דער לינקער זייט אויך - אריינגיין אין חכמות חיצוניות. דער אַויר איז מחכים - דער אַויר מאכט קלוג.

די היגע קינדער זענען קליגערע קינדער מער ווי אין חוץ לארץ, זיי האבן בעסערע קעפ צום לערנען מער...[כט]

דער 'אַויר' איז מַחכּים - אבער צו וואס? דער אויבערשטער גיט נישט קיין זאך מצוייר'דיג[ל]; דער אויבערשטער גיט חכמה - א שפע פון חכמה, אבער אויסניצן דער חכמה - דאס איז ביי יעדן איינעם צו וואס זיין הארץ בענקט; צו וואס זיין הארץ גלוסט אים - אזוי וועט ער אויסניצן דער חכמה. ארץ ישראל אבער איז מחכים.

אוודאי, אז דער אויבערשטער האט געהאלפן, מען דרייט זיך ארום אין ארץ ישראל, און ווער שמועסט - אין ירושלים עיר הקודש, דארף מען אוודאי האבן א ישוב הדעת - 'שטייט עס מיר דען אָן אזוי צו פירן זיך?!'

דער בן המלך האט געזאגט - "עס שטייט מיר אָן אזוי צו פירן זיך?!"[לא].

איך בין דאך דא אין ארץ ישראל, איך בין דאך דא אין ירושלים - עס שטייט מיר אָן איך זאל זיך אזוי פירן?! עס שטייט מיר אָן איך זאל אזוי רעדן? איך זאל אזוי טראכטן? איך זאל אזוי קוקן? איך בין דאך אין ארץ ישראל!

נישט פארגעסן, נישט מסיח דעת זיין, דעמאלט איז עס טאקע מסוגל צו געוואלדיגע זאכן - אזוי ווי דער רבי זאגט אין די תורות - אריכות אפיים[לב], 'אמונה' 'ניסים' 'תפילה'[לג].

---

[כט] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ז, אות ד', שאוירא דארץ ישראל היא בחינת הבל הקדוש של תינוקות של בית רבן שאין בהם חטא.

[ל] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ו, אות ו'.

[לא] עפ"י סיפורי מעשיות - מעשה י' - מבן מלך ובן שפחה שנתחלפו, עיין שם.

[לב] ליקוטי מוהר"ן סי' קנ"ה.

[לג] שם סי' ז'; סי' ט'.

דאס איז א געוואלדיגע זאך - דער כח פון ארץ ישראל! עס קומט אבער נישט גלייך אין מויל אריין - מען גיט דיר נאר די השפעה פון דער זאך; די כלי צו דעם ציור דארפסטו אליין מאכן, דו זאלסט עס מצייר זיין.

❖

זאגט דער רבי: "דורך וואס קען מען ממשיך זיין 'קדושת ארץ ישראל'? על ידי התנוצצות אור זכות אבות!" - אז עס זאל שיינען דער אור פון 'זכות אבות'. "אזוי ווי עס איז מבואר אין זוהר[לד]: 'באתר דאית תמן אבות - אית תמן שכינתא'". און 'שכינה' מיינט מען 'ארץ ישראל'. "בבחינת: 'וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וְכוּ' וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר'" - אויף וואס דער זוהר הקדוש זאגט - "דא שכינתא". קומט אויס, דארטן וואו עס שיינען די אבות הקדושים - דארטן שיינט די שכינה הקדושה, דארטן שיינט ארץ ישראל.

"און 'לא דַי' וואס דער מענטש ווערט ניצול פון דעם רשע, נאר ער זעהט נאך אין דעם רשע וואס דער רשע האט געוואלט זעהן אין אים!".

❖

## בענין לימוד זכות על רשעים

זאגט דער רבי (אות ג'): "די רשעים זענען ממשיך א 'רע עין על שונאיהם'".

ווער איז דער שונא פון דעם רשע? דער צדיק - ער איז דער שונא פון דעם רשע. איז די רשעים האבן א שלעכט אויג אויף זייערע שונאים. די גמרא זאגט[לה]: "ולא עוד אלא שרואה בשונאיו". דער רשע קוקט אלץ אויפן צדיק.

זאגט דער רבי: "דער מענטש ווערט ניצול פון דעם 'רע עין הזה', דורכ'ן 'לימוד זכות שלימד על הרשע'".

---

[לד] פר' שלח דף קע"ד ע"א.

[לה] ברכות ז:

דער רבי זאגט דא א זאך וואס אזוי פון אויבן-אויף פארשטייט מען דאס נישט, אז דער מענטש וויל ניצול ווערן פון דעם 'רע עין' פון דעם רשע, זאל ער דעם רשע דן זיין לכף זכות', און דורך דעם לימוד זכות וואס ער לערנט אויף דעם רשע, קען ער ניצול ווערן פון זיין 'רע עין'.

זאגט דער רבי: "דער אויבערשטער טוהט אויך אזוי, דער אויבערשטער איז מלמד זכות אויפן רשע כדי מציל צו זיין דעם צדיק פון דעם 'רע עין' פון דעם רשע".

דער רבי'נס זאך איז נאר געווען דער ענין פון 'לימוד זכות'! דא פארשטייט מען דאך נישט דער זאך, מען דארף האבן 'אמונת חכמים'. דער רבי זאגט עפעס, אז צו ניצול ווערן פון דעם רשע דארף איך דעם רשע דן זיין לכף זכות, אזוי וועט ער מיר נישט קענען מזיק זיין מיט זיין קוק, און דער אויבערשטער איז אויך דן דעם רשע אזוי.

זאגט דער רבי דא[לו], וואס הייסט אז דער אויבערשטער איז דַן דעם רשע לכף זכות? אז דער אויבערשטער האלט איין דעם משפט - ער משפט אים נישט. זאגט דער רבי:

---

[לו] להקל על הקורא נציג פה את לשונו הקדוש שם, וז"ל: וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (גמ' ברכות שָׁם) 'וְלֹא עוֹד אֶלָּא שֶׁזּוֹכֶה בַּדִּין', שֶׁנֶּאֱמַר: "מָרוֹם מִשְׁפָּטֶיךָ מִנֶּגְדּוֹ". וְזֹאת הַזְּכִיָּה שֶׁזּוֹכֶה בַּדִּין, שֶׁמְּלַמְּדִין עָלָיו זְכוּת, עַל יְדֵי זֶה נִצּוֹל הַצַּדִּיק מֵרַע עַיִן שֶׁל הָרָשָׁע. כִּי לְסַלֵּק הַדִּין וְהַמִּשְׁפָּט, צָרִיךְ לָזֶה הִתְגַּלּוּת הַיָּד, בִּבְחִינַת (דְּבָרִים ל"ב): "וְתֹאחֵז בְּמִשְׁפָּט יָדִי", שֶׁלֹּא לִשְׁלֹט עַל הָרָשָׁע. וּכְשֶׁנִּתְגַּלֶּה יַד ה', אֲזַי נַעֲשֶׂה צֵל, שֶׁבּוֹ נִתְכַּסֶּה הַצַּדִּיק מֵאֶרֶס שֶׁל הָרַע עַיִן, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָה נ"א) "וּבְצֵל יָדִי כִּסִּיתִיךָ". כִּי הָרְשָׁעִים בְּגָלוּת הַמַּר הַזֶּה, עֵינֵיהֶם לְטוּשִׁים כִּרְאִי מוּצָק. וְאֶרֶס עֵינָיו מַבִּיטִים לְמֵרָחוֹק, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים כ"ב): "הֵמָּה יַבִּיטוּ יִרְאוּ בִי". וְעַל יְדֵי הַצֵּל כָּהוּ מְאוֹר עֵינָיו וְנֶחֱשָׁכִים, שֶׁאֵין הָאֶרֶס שֶׁלָּהֶם יָכוֹל לְהַזִּיק. אֲבָל הַצַּדִּיקִים שֶׁמְּאוֹר עֵינֵיהֶם בַּזְּמַן הַזֶּה קָטָן, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָה מ"ב): "מִי עִוֵּר כִּמְשֻׁלָּם". וְעַל יְדֵי הַצֵּל נִתְחַזֵּק מְאוֹר עֵינֵיהֶם, כְּדֶרֶךְ חֲלוּשֵׁי הָרְאוּת שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לִרְאוֹת הֵיטֵב כְּשֶׁאוֹר חָזָק וְגָדוֹל, וּצְרִיכִים לְצֵל כְּדֵי שֶׁיּוּכְלוּ לִרְאוֹת. וְזֶהוּ (תְּהִלִּים ל"ז) צוֹפֶה רָשָׁע לַצַּדִּיק וּמְבַקֵּשׁ לַהֲמִיתוֹ, הַיְנוּ עִם רַע עַיִן כַּנַּ"ל, וַה' לֹא יַעַזְבֶנּוּ בְיָדוֹ. "בְּיָדוֹ" דַּיְקָא, הַיְנוּ בְּהִתְגַּלּוּת יַד ה' כַּנַּ"ל. וְעַל יְדֵי מָה נִתְגַּלֶּה יַד ה', עַל יְדֵי וְלֹא יַרְשִׁיעֶנּוּ בְּהִשָּׁפְטוֹ. עַל יְדֵי בְּחִינַת: "וְתֹאחֵז בְּמִשְׁפָּט יָדִי", בְּחִינַת: "מָרוֹם מִשְׁפָּטֶיךָ" כַּנַּ"ל. כִּי עַל יְדֵי זֶה כָּהוּ מְאוֹר עֵינֵי הָרָשָׁע, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָה כ"ח): "שָׁגוּ בָּרֹאֶה, עַל יְדֵי פָּקוּ פְּלִילִיָּה", זֶהוּ בְּחִינַת מִשְׁפָּט, שֶׁזּוֹכֶה בַּדִּין. עַל יְדֵי זֶה שָׁגוּ בָּרֹאֶה, נֶחֱשָׁךְ מְאוֹר עֵינָיו כַּנַּ"ל. וְעַל יְדֵי הַצֵּל נִתְחַזֵּק מְאוֹר עֵינָיו שֶׁל הַצַּדִּיק כַּנַּ"ל, וְיָכוֹל לִרְאוֹת לְמֵרָחוֹק, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים קכ"א): "אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים", וְרוֹאֶה וּמַשִּׂיג צִדְקָתוֹ שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וְיָכוֹל לֵידַע וּלְהָבִין כִּי ה' הַצַּדִּיק, אַף עַל פִּי שֶׁהָרָשָׁע זוֹכֶה בַּדִּין, וְאֵין זֶה מִמִּדַּת הַצֶּדֶק. וְרוֹאֶה שֶׁהַצֶּדֶק שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצְדִּיק אֶת הָרָשָׁע בַּמִּשְׁפָּט, זֶהוּ צִדְקָתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, (שְׁמוֹת כ"ג): "כִּי לֹא אַצְדִּיק רָשָׁע": וְזֶהוּ, "אֶשָּׂא

צו איינהאלטן דעם משפט, דארף מען אויסשטרעקן דער האנט, (בבחינת:) "וְתֹאחֵז בְּמִשְׁפָּט יָדִי" [- דאס איז אלץ הויכע לשונות]. דער אויבערשטער טוהט כביכול למעלה אויסשטרעקן 'ידו הקדושה' און ער האלט איין דעם משפט נישט צו משפט'ן דעם רשע. און אז מען שטרעקט אויס דער האנט, ווערט דאך א 'צל'. איז פון דעם 'צל' ווערט דער צדיק פארשטעלט, קען דער רשע נישט קוקן אויפן צדיק - אזוי זאגט דא דער רבי.

אז דער אויבערשטער וויל ראטעווען דעם צדיק, מוז ער איינהאלטן דעם משפט - נישט משפט'ן דעם רשע, גיט ער א שטרעק אויס כביכול 'ידו', ווערט א 'צל', פארשטעלט ער דעם צדיק, קען דער רשע נישט קוקן אויפן צדיק.

כדי צו פארשטעלן דעם צדיק פון דעם רשע, האלט דער אויבערשטער איין דעם משפט און ער איז אים דן לכף זכות. דארף'ן מיר אויך אזוי טוהן - דן זיין דעם רשע לכף זכות.

איז אויך אויף דעם אופן; איך טאר זיך נישט מישן מיט דעם רשע, איך קען נישט האבן מיט אים קיין התחברות, איך טאר זיין וויין נישט טרינקען, און זיין ברויט איז אויך א שאלה, איך טאר זיך נישט משדך זיין מיט אים, ער איז א רשע. נאר איך דארף אים דַן זיין לכף זכות אויף דעם אופן - 'אפשר דאך איז ער נישט אזוי שולדיג, אפשר זיין מקום איז גורם אז ער האט אזא מין ברענונג - איך וויים דאך נישט זיין מקום'[לז].

איך בין אים דן לכף זכות, נישט דערפאר אז איך זאל האבן מיט אים א התחברות - ווייל איך טאר נישט האבן מיט אים קיין התחברות. אבער א לימוד זכות דארף איך

---

עֵינַי אֶל הֶהָרִים", זֶהוּ בְּחִינַת צִדְקָתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים ל"ו): "צִדְקָתְךָ כְּהַרְרֵי אֵל", אַף עַל פִּי שֶׁמִּשְׁפָּטֶיךָ כָּבוּשׁ בִּתְהוֹם רַבָּה.

[לז] עיין אוצר החיים (קאמארנא) פר' משפטים: קבלנו ממרן אלקי הבעש"ט זי"ע שפירש הפסוק (תהלים ל"ט) "מכל פשעי הצילני חרפת נבל אל תשימני", כשרואה אדם דבר נבלה מאיש רשע, שעבר עבירה חזקה, ידין אותו לכף זכות, כי מצד רדיפת היצר הבוער בו, עושה, ומצד פחיתות חומרו העב, שאינו יודע חומר האיסור, וכל זה וכיוצא בזה, ובזה מציל גם עצמו מדין. גם עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א', אות י"ד, מה שמבאר רביז"ל על המשנה באבות (פ"ב) "אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו", ומה שמוהרנ"ת מפרש על זה בליקוטי הלכות הל' ערלה ה"ד, אות ט"ז.

אים מאכן, ווארום דער אויבערשטער איז אים אויך דן לכף זכות, דער אויבערשטער האלט איין דעם משפט אויף אים אזוי לאנג.

## באקומען זיין ערליך פארדינטן סוף נאך 490 יאר!

דער רבי רעדט ווייטער[לח], משה רבינו האט גע'הרג'עט "עוג מלך הבשן".

אויף "צוֹפֶה רָשָׁע לַצַּדִּיק", זאגט די גמרא, דער רשע איז 'עוג' און דער צדיק איז 'אברהם'. האט עוג אזוי פיל יארן געלעבט, פון ביי אברהם אבינו - ביז משה רבינו האט אים גע'הרג'עט. אזא 'זמן רב' האט דער אויבערשטער איינגעהאלטן דעם משפט פון עוג און אים דַן געווען לכף זכות[לט]. ער מוז דאך האבן עפעס א זכות פארוואס ער האלט איין דעם משפט.

מיט דעם וואס ער האלט איין דעם משפט - ווערט דער צדיק ניצול.

דערפאר האט דער רבי אונז זייער געלערנט דעם ענין פון לימוד זכות - א וועג פון לימוד זכות. ווארום מיט דעם וועג פון לימוד זכות האט די וועלט א קיום! - דאס איז איין זאך.

און די אנדערע זאך ווייטער, אז די ערליכע אידן ווערן ניצול פון דעם 'רע עין' פון דעם רשע. ווען נישט דער לימוד זכות, איז דא אזא מין התגברות פון דעם 'רע עין' פון דעם רשע אז מען וואלט גארנישט געקענט ארויסגיין אינדרויסן. וועדליג דאס רשעות פון זיי, וואלט מען גארנישט (געקענט אויסהאלטן)[מ].

---

[לח] אות ט', וזל"ש: וּבִשְׁבִיל זֶה, בְּחִינַת רָשָׁע כְּעוֹג, נִקְרָא פָּלִיט. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית י"ד) "וַיָּבֹא הַפָּלִיט" זֶה עוֹג (בְּרֵאשִׁית רַבָּה לֶךְ לְךָ פָּרָשָׁה מ"ב וְעַיֵּן נִדָּה ס"א וּבַתּוֹסָפוֹת שָׁם וְעַיֵּן מִדְרָשׁ רַבָּה דְּבָרִים פָּרָשָׁה א). שֶׁרָצָה שֶׁיֵּהָרֵג אַבְרָהָם וְיִשָּׂא אֶת שָׂרָה. וְהוּא בִּבְחִינַת: "צוֹפֶה רָשָׁע לַצַּדִּיק, אַבְרָהָם וְכוּ', ה' לֹא יַעַזְבֶנּוּ בְיָדוֹ", בִּבְחִינַת: "וְתֹאחֵז בְּמִשְׁפָּט יָדִי". וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כָּבַשׁ מִשְׁפָּטוֹ מִמֶּנּוּ זְמַן רַב, עַד זְמַן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם. וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָא פָּלִיט, בִּבְחִינַת (אִיּוֹב כ"ג): "וַאֲפַלְּטָה לָנֶצַח מִשֹּׁפְטִי", שֶׁנִּמְלַט מֵהַמִּשְׁפָּט זְמַן כַּבִּיר.

[לט] לפי חשבון "סדר הדורות" היה מאז "ויבוא הפליט" עד שהרגו משה לעוג מלך הבשן, סך של 490 שנה.

[מ] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ח, אות ב'; תניינא סי' א', אות י"ד.

נאר וואס דען, אזוי ווי דער אויבערשטער האט רחמנות אז ער זאל קענען האבן א קיום - דער איד זאל זיך קענען האלטן, דערפאר איז דער אויבערשטער זיי דַן אלעמען לכף זכות, און ער שטרעקט אוים למעלה כביכול ידו אז מיר זאלן ווערן פארשטעלט פון זיי, אזוי קען מען זיך האלטן, קען מען מקיים זיין תינוקות של בית רבן, האבן מיר א קיום.

דערפאר האט דער רבי דַן געווען דער גאנצער וועלט לכף זכות![מא].

קומט אוים, דער כח פון לימוד זכות, דאס איז א כח אז די וועלט זאל האבן א קיום, די וועלט זאל נישט חרוב ווערן. און ווייטער איז עס א כח, אז די אידן וואס זענען מאמינים בה' זאלן קענען זיך האלטן.

עס איז א פסוק דא[מב]: "זְמָמוֹ אַל תָּפֵק". מען בעט דעם אויבערשטן, 'וואס דער רשע טראכט - זאל ער נישט קענען ארויסגעבן!'; "זממו אל תפק" - דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אז דער רשע זאל נישט קענען ארויסגעבן וואס ער טראכט.

מיט וואס? אז דער אויבערשטער איז אים גאר דַן לכף זכות! דורכדעם ווערט א 'יד', ווערט א 'צל', און ער ווערט געראטעוועט. אזוי איז דאס בכל דור ודור.

(השואל: דער רבי אין תורה רפ"ב זאגט, דן זיין לכף זכות איז טרעפן א נקודה טובה) **עס איז אזוי**; למשל, א איד וואס איך ווייס אים נישט, ער איז אין אמעריקע צו וואס, צו אומעטום, אז איך בין אים נישט דן לכף זכות, פארשטעל איך אים דעם וועג, ער האט נישט קיין וועג אז ער זאל קענען תשובה טוהן.

אזוי ווי א חולה, אז דער רופא איז מייאש דעם חולה - 'דו ביסט א פארפאלענער', קען ער בשום אופן נישט האבן קיין רפואה. אבער אז דער רופא שטארקט אים, ער זאגט אים - 'דו האסט נאך א האפענונג, דו ביסט נישט אזוי שלאַף', איז כאטש ער

---

[מא] עיין חיי מוהר"ן אות קכ"א; אות קנ"ה.

[מב] תהלים קמ, ט. [עיין מדרש רבה וישלח פר' ע"ה, פס' ט].

זעהט אז ער איז גוט שלאַף, גיט ער אים א האפענונג אז דער חולה זאל נישט ארייננפאלן אין קיין יאוש[מג].

דער רבי זאגט[מד]: "ויוכל להשיבו בתשובה". כאטש איך זעה גארנישט דעם רשע - איך זעה אים נישט (- אינו מכירו), אבער אז איך פארשטעל אים אלע וועגן, בין איך אים גורם אז ער קען קיין תשובה נישט טוהן, איך האב אים פארמאכט אלע וועגן, ער האט נישט קיין וועג וואו זיך אומקערן צום אויבערשטן.

איך בין אים דן לכף זכות, כאטש איך ווייס נישט מיט וואס, נאר 'עס איז שוין דא א גלות פון צוויי טויזנט יאר, אידן זענען נעבעך דוויים וסחופים, מען זעהט נישט ארום קיין התגלות אלקות, דער אויבערשטער איז אזוי נעלם' - עס איז דא לימודי זכות מיט וואס מען קען דַן זיין לכף זכות[מה].

❖

## דריי יאר באהאלטן אין בונקער

איך בין צוויי יאר געוועזן אין דייטשלאנד (אחרי מלחמת עולם השניה) - איידער איך בין געקומען קיין ארץ ישראל. פארשידענע מענטשן זענען געקומען דארטן. איז ארייננגעקומען א מענטש, ער איז געלעגן דריי יאר אין א בונקער(!). בשעת די דייטשן זענען געווען, איז ער געלעגן אין פוילן דריי יאר אין א בונקער. דריי ווינטערס און דריי זוממערס געלעגן אין א בונקער מיט שניי מיט נעץ און קעלט - דריי יאר! דארטן אין דעם בונקער איז אים אויך געבוירן געווארן קינדער...

---

[מג] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ד' וישב תקצ"ד: **וּכְבָר אָמַר הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁאֲפִלּוּ לְחוֹלֶה הַמּוּטָל עַל עֶרֶשׂ דְּוַי וְחָלוּשׁ מְאֹד אֲשֶׁר כָּל מִשְׁכָּבוֹ נֶהְפַּךְ בְּחָלְיוֹ, אוֹמְרִים לוֹ שֶׁיִּתְחַזֵּק, לָאז דִּיךְ נִיט אָפּ, מַאךְ זִיךְ פְּרִישֶׁער, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, וְאִם הוּא צַיָּת וּמְחַזֵּק עַצְמוֹ מוֹעִיל לוֹ הַרְבֵּה שֶׁיִּתְרַפֵּא וְיָשׁוּב לְאֵיתָנוֹ עַל יְדֵי זֶה.**

[מד] שם סי' רפ"ב, וזל"ש בתחילת התורה: דַּע כִּי צָרִיךְ לָדוּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת, וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁהוּא רָשָׁע גָּמוּר, צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ וְלִמְצֹא בּוֹ אֵיזֶה מְעַט טוֹב, שֶׁבְּאוֹתוֹ הַמְּעַט אֵינוֹ רָשָׁע, וְעַל יְדֵי זֶה שֶׁמּוֹצֵא בּוֹ מְעַט טוֹב, וְדָן אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת, עַל יְדֵי זֶה מַעֲלֶה אוֹתוֹ בֶּאֱמֶת לְכַף זְכוּת, **וְיוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ בִּתְשׁוּבָה.**

[מה] עיין ביאור הליקוטים על סי' רפ"ב.

קען מען דען אויסמאָלן דעם צער וואס מען האט אין זיך - מען ליגט דריי יאר אין א בונקער!? דריי יאר איז גארנישט קיין ווערטל. עס איז געווען בונקערס דארטן - די דייטשן פלעגן אלעמאל דורכפארן מיט די זאכן, זיי פלעגן אויסשטעכן, זיי האבן געוואסט אז אידן ליגן דארטן אין גרובער באהאלטן. און ער איז ניצול געווארן. ער מיט א פרוי מיט א קינד.

זענען זיי אריינגעקומען ביי אונז דארטן, און זיי הויבן אָן דערציילן וואס אויף זיי איז אריבערגעאנגען. מען רעדט דאך, זיי זענען דארטן נישט געווען קיין צדיקים - דריי יאר צייט - מען האט נישט גארנישט, 'אבער זיי ווילן טוהן תשובה, זיי ווילן תשובה טוהן!' - עס איז דאך עפעס א געוואלד - דריי יאר!

זיי האבן מיר דערציילט, עס איז זיי געווען קשה קשיות פארוואס דער אויבערשטער טוהט מיט אונז אזוי, פארוואס קומט עס אונז, מיר זענען דאך אידן, פארוואס ליגן מיר באהאלטן דריי יאר - ווען אויבן גייט זיך דער גוי ארום אינדערויסן, פרעסט און זויפט, נעמט צו אונזערע פארמעגס, און מיר זענען דאך אידן - און מיר ליגן אזוי דריי יאר - -

רחמנא ליצלן, די איבערגייעכצער האט זיי געמאכט אריינפאלן אין געדאנקען פון כפירה, אבער דא ווילן זיי תשובה טוהן!

מען האט געגעבן דארטן דער פרוי וועגן אידישקייט - אזוי, אלעס, די זאכן דארטן. זיי האבן אויסגעפאלגט.

עס איז א געוואלד - א לימוד זכות! א קליינקייט א לימוד זכות?! מען קען דן זיין אידן לכף זכות! עס איז א לאנגער גלות, שוין אזוי פיל גלות'ן, באלד צוויי טויזנט יאר, און אזויפיל גייט איבער, אזוי פיל הרוגים מיט אלע מיני שמדות וואס עס איז אלץ געווען אין יענע צייטן - עס איז דא א לימוד זכות.

❖

# טוה און טוה און טוה!

רבי נתן זאגט אין א הלכה[מ], די פרה אדומה האט 'מטהר געווען טמאים' און 'מטמא געווען טהורים'. דער וואס איז א טמא, אז מען האט אים געשפריצט מיט דער פרה אדומה - איז ער געווארן טהור. און דער אליין איז געווארן טמא בטומאת ערב ביז נאכט.

זאגט רבי נתן, דער וועג פון לימוד זכות איז אויך אזוי; למשל, "לימוד זכות" - אפילו דער גרעסטער חוטא ופושע האט א לימוד זכות, ער האט אין זיך א נקודה טובה - זיי זיך נישט מייאש - עס איז דא אין אים א נקודה טובה - ער עסט נישט קיין חמץ אום פסח, ווער שמועסט אז ער דאווענט נאך, ער לייגט נאך תפילין, אוודאי, ער האלט שבת. קומט אוים, ווייל ער איז א טמא איז אים מטהר דער לימוד זכות.

אבער אז איינער איז א טהור, ער איז אַן ערליכער איד און אלעס, אז ער וועט זיך וועלן מחיה זיין און זיך באגנוגן דערמיט, וועט עס אים מטמא זיין.

אז ער איז א טמא - און ער איז זיך מחיה מיט א נקודה טובה, דאס ברענגט אים צוריק, די נקודה טובה איז אים מטהר, און דאס וועט אים צופירן אז ער וועט ווערן צוריק א איד. אבער דו ביסט דאך א טהור - דארפסטו דאווענען און לערנען און טוהן אלע מצוות. אז דו וועסט זאגן אז א נקודה טובה איז מיר גענוג, שוין, איך וועל מאכן א נקודה טובה - דעם וועט דער לימוד זכות אים מטמא זיין.

א געוואלדיגער בקיאות איז דא אין דעם ענין פון 'לימוד זכות', אבער עס איז א וועג - א גרויסער וועג!

---

[מ] ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ה"א, אות י"ב: וְזֶה בְּחִינַת (פייט פרשת פרה) **מְטַהֵר טְמֵאִים וּמְטַמֵּא טְהוֹרִים**, כִּי זֹאת הַבְּחִינָה מַה שֶּׁדָּן אֶת עַצְמוֹ לְכַף זְכוּת וּמוֹצֵא בְּעַצְמוֹ נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת, זֹאת הַבְּחִינָה מְטַהֶרֶת טְמֵאִים וּמְטַמֵּא טְהוֹרִים, **כִּי מִי שֶׁהוּא בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה** צָרִיךְ דַּוְקָא לִמְצֹא זְכוּת בְּעַצְמוֹ כְּדֵי שֶׁלֹּא יִפּוֹל לְגַמְרֵי ח"ו, וְעִקַּר טָהֳרָתוֹ וּתְשׁוּבָתוֹ עַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא כַּנַּ"ל, **אֲבָל מִי שֶׁהוּא טָהוֹר**, כְּשֶׁיַּחֲזִיק עַצְמוֹ בְּמַדְרֵגַת הַטּוֹב, בְּוַדַּאי נִפְגָּם עַל יְדֵי זֶה, כִּי יִפּוֹל לְגַדְלוּת ח"ו, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אֲפִלּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ אוֹמְרִים לְךָ צַדִּיק - אַתָּה הֱיֵה בְּעֵינֶיךָ כְּרָשָׁע. עַל כֵּן אָמְרוּ, כְּרָשָׁע, וְלֹא רָשָׁע גָּמוּר ח"ו, כִּי אָסוּר לְהַחֲזִיק עַצְמוֹ לְרָשָׁע גָּמוּר ח"ו, רַק אַדְּרַבָּא, כְּשֶׁנִּדְמֶה לוֹ שֶׁהוּא רָשָׁע גָּמוּר ח"ו, וַאֲפִלּוּ אִם הָאֱמֶת הוּא כַּךְ ח"ו, אַף עַל פִּי כֵן צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ לִמְצֹא בְּעַצְמוֹ נְקֻדָּה טוֹבָה לְבַל יִהְיֶה, ח"ו, רָשָׁע גָּמוּר כַּנַּ"ל. וְעַל יְדֵי זֶה נִטְהָר וְזוֹכֶה לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל. וְזֶה בְּחִינַת מְטַהֵר טְמֵאִים וּמְטַמֵּא טְהוֹרִים כַּנַּ"ל.

נאך א זאך; ביי דעם מענטש אליין איז אויך דא צייטן. ביי יעדער מענטש אליין איז דא צייטן וואס ער איז א בחינת 'טמא' - און א בחינת 'טהור'. דער מענטש האט אין זיך צייטן וואס ער ליגט אין אזא מין קליינקייט, אין אזא מין אפגעלאזטקייט, ער קען נישט דאווענען, ער קען נישט לערנען, דעמאלט דארף ער זיך מחיה זיין מיט א נקודה טובה עס זאל אים מאכן צוריק לעבעדיג - ביי אים איז אויך דא א צייט וואס ער איז א בחינת טמא. אבער בשעת דער מענטש איז אביסעלע מער אין אידישקייט, איז טוה און טוה און טוה!

אזוי ווי דער רבי האט געזאגט: "אז מען איז געזונט, דארף מען טוהן און טוהן און טוהן; נישט געזונט - איז אוועקגעלייגט דאס שערן אייזן!"[מז].

עס איז פארהאן ביי דעם מענטש אליין אויך - דער מענטש אליין האט אין זיך צייטן וואס ער איז געזונט; בשעת דו האסט גוטע צייטן זאלסטו טוהן - "טוה"!

אז דער אויבערשטער גיט דיר א זמן וואס דו ביסט אין מוחין, זאלסטו נישט שווייגן, טוה, דאוון, לערן, טוה מצוות ומעשים טובים. און אז דו ביסט אפגעלאזט - איז אוועקגעלייגט דאס שערן אייזן. איז ביי דעם מענטש אליין אויך דא צייטן אזוי[מח].

דער וועג פון 'לימוד זכות' איז א געוואלדיגער התקרבות צום אויבערשטן!

דער רבי האט א זאג געגעבן א ווארט: "אַוואו א הרהור תשובה נעמט זיך עס פון מיר!".

פארוואס טאקע אזוי? ווייל דער רבי איז דַן דער גאנצער וועלט לכף זכות! דערפאר, וואו איינער ווערט עפעס נתעורר צו תשובה, נעמט זיך עס דערפון ווייל מען איז אים דַן לכף זכות - זאגט דער רבי, ממילא גיב איך אים א וועג ער זאל קענען תשובה טוהן.

---

[מז] את העבודה הקשה והמפרכת של ניסור וחיתוך הברזל היו נותנים בשעתו למשולחים לארץ גזירה, וכמעט שלא היו יכולים לעמוד בקושי העבודה, והיו רבים מתים באמצע עבודתם (רלוי"צ). (שיש"ק החדש ח"ג, אות קפ"א בהערה שם)

[מח] עיין שיחות הר"ן כ"ז, חיי מוהר"ן תל"א, תל"ה, בענין "אע"פ שצריכין להיות זריז מאד בעבודת ה'" וכו' עיי"ש.

קומט אויס, די אלע בעלי תשובות וואס ווערן אין דער וועלט, נעמט זיך אלץ פונעם רבי'ן - ער איז אלעמען דן לכף זכות, ממילא וואו ער איז נאר דארטן פארווארפן, קען ער זיך אומקערן צום אויבערשטן[מט].

מיר דארפן אויך גיין מיט דעם וועג. 'לימוד זכות' איז אוודאי אַן ענין פון אהבת ישראל. כמה מאל זעהט מען אין דער גמרא[נ]: "**לא ניחא ליה למרייהו דאמרת להו הכי**" - דער אויבערשטער וויל נישט דו זאלסט אזוי זאגן, דער אויבערשטער וויל נישט מען זאל אוועקמאכן אידן![נא].

❖

[מט] עיין תשואות חן, ליקוטים: **קיבלתי מרבותי** [- תלמידי מרן הבעש"ט זצללה"ה זי"ע], **שבחינת משיח יהיה מי שביכולתו ללמד זכות על כל ישראל, ועל ידי הלימוד זכות שלו יפלו הרהורי תשובה בלבם ויהיו כולם צדיקים**, עכ"ל.

[נ] עיין סנהדרין קי"א ע"א: "לָכֵן הִרְחִיבָה שְׁאוֹל נַפְשָׁהּ וּפָעֲרָה פִיהָ לִבְלִי חֹק" (ישעיה ה), אָמַר רֵישׁ לָקִישׁ, לְמִי שֶׁמְּשַׁיֵּר אֲפִלּוּ חֹק אֶחָד. אָמַר לֵיהּ רַבִּי יוֹחָנָן, **לֹא נִיחָא לְמָרַיְיהוּ דְּאָמַרְתְּ לְהוּ הָכִי**, אֶלָּא, אֲפִלּוּ לֹא לָמַד אֶלָּא חֹק אֶחָד. (זכריה יג) "וְהָיָה בְכָל הָאָרֶץ נְאֻם ה' פִּי שְׁנַיִם בָּהּ יִכָּרְתוּ, יִגְוָעוּ, וְהַשְּׁלִשִׁית יִוָּתֶר בָּהּ", אָמַר רֵישׁ לָקִישׁ, שְׁלִישִׁי שֶׁל שֵׁם. אָמַר לוֹ רַבִּי יוֹחָנָן, **לָא נִיחָא לֵיהּ לְמָרַיְיהוּ, דְּאָמַרְתְּ לְהוּ הָכִי**, אֶלָּא אֲפִלּוּ שְׁלִישִׁי שֶׁל נֹחַ. (ירמיה ג) "כִּי אָנֹכִי בָּעַלְתִּי בָכֶם, וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם אֶחָד מֵעִיר וּשְׁנַיִם מִמִּשְׁפָּחָה", אָמַר רֵישׁ לָקִישׁ, דְּבָרִים כִּכְתָבָן. אָמַר לוֹ רַבִּי יוֹחָנָן, **לָא נִיחָא לֵיהּ לְמָרַיְיהוּ, דְּאָמַרְתְּ לְהוּ הָכִי**, אֶלָּא אֶחָד מֵעִיר - מְזַכֶּה כָּל הָעִיר כֻּלָּהּ, וּשְׁנַיִם מִמִּשְׁפָּחָה - מְזַכִּין כָּל הַמִּשְׁפָּחָה כֻּלָּהּ, וכו' עיעו"ש.

[נא] עיין ליקוטי הלכות הל' שלוחין ה"ה, אות כ': גַּם אֱלִישָׁע אַף עַל פִּי שֶׁהָיָה גָּדוֹל בִּנְבוּאָה מְאֹד, אַף עַל פִּי כֵן מֵעֹצֶם רִבּוּי הַקִּלְקוּלִים שֶׁל גֵּחֲזִי תַּלְמִידוֹ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה עַל פָּסוּק "וַיִּגַּשׁ גֵּחֲזִי לְהָדְפָהּ וְכוּ'", עַל יְדֵי זֶה גָּרַם שֶׁנָּפַל וְנִתְרַחֵק מֵאֱלִישָׁע וְנִדְחָה מֵעוֹלָמוֹ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה שֶׁהוּא אֶחָד מֵהַהֶדְיוֹטוֹת שֶׁאֵין לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא. וּמֵעֹצֶם קִלְקוּלָיו עַל יְדֵי זֶה גָּרַם שְׁגִיאָה גַּם לֶאֱלִישָׁע רַבּוֹ שֶׁנִּתְיָאֵשׁ לְבַקְּשׁוֹ כָּרָאוּי וּדְחָפוֹ בִּשְׁתֵּי יָדַיִם, מֵחֲמַת שֶׁרָאָה שֶׁהוּא פָּגוּם וּמְקֻלְקָל מְאֹד בְּתַאֲוַת נִאוּף וְתַאֲוַת מָמוֹן כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּעִנְיַן נַעֲמָן. אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה שֶׁשָּׁגָה אֱלִישָׁע בָּזֶה עַד שֶׁנֶּחֱלָה מֵחֲמַת זֶה כַּנַּ"ל, כִּי אַף עַל פִּי כֵן הָיָה צָרִיךְ אֱלִישָׁע לְבַקְּשׁוֹ וּלְחַפְּשׂוֹ עוֹד כִּי רַחֲמֵי ה' יִתְבָּרַךְ אֵינָם כָּלִים לְעוֹלָם **וְהָיָה צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ עוֹד רַחֲמָנוּת כָּזֶה אֵצֶל ה' יִתְבָּרַךְ עַד שֶׁיּוּכַל לְהָרִים גַּם אֶת גֵּחֲזִי מִזֻּהֲמָתוֹ הַגְּדוֹלָה**. וְכֵן מַה שֶּׁגֵּרָה דֻּבִּים בְּתִינוֹקוֹת, כִּי אַף עַל פִּי שֶׁאֱלִישָׁע הִסְתַּכֵּל בָּהֶם שֶׁאֵין בָּהֶם לַחְלוּחִית טוֹבָה כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה עַל פָּסוּק "וַיִּפֶן בָּהֶם וַיִּרְאֵם וְכוּ'", **אַף עַל פִּי כֵן לֹא הָיָה לוֹ לִסְמֹךְ עַל זֶה רַק לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ גְּדֻלַּת רַחֲמֵי ה' יִתְבָּרַךְ עוֹד עַד שֶׁיּוּכַל לְקָרֵב אוֹתָם גַּם כֵּן כִּי אֵין** רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ כְּלָל לְרַחֵק שׁוּם בְּרִיָּה רַק לְקָרֵב. **וּכְמוֹ שֶׁמָּצִינוּ הַרְבֵּה שֶׁהִקְפִּיד ה' יִתְבָּרַךְ עַל גְּדוֹלֵי הַצַּדִּיקִים הַנּוֹרָאִים עַל שֶׁלֹּא לִמְּדוּ זְכוּת כָּרָאוּי עַל יִשְׂרָאֵל כְּמוֹ אֵלִיָּהוּ כְּשֶׁאָמַר קַנֹּא קִנֵּאתִי וְכוּ' וְכֵן הוֹשֵׁעַ וִישַׁעְיָה וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַזַ"ל**, עכ"ל.

# מ'דארף קענען בלאָזן...

דער דובנער מגיד איז געווען אמאל אין א שטאט, און ער האט גערעדט און גערעדט - ער איז דאך געווען א גרויסער מגיד, און ער האט געזעהן אז ער פועל'ט גארנישט. ער איז אפגעווען עטליכע טעג און גערעדט מוסר - און ער האט גארנישט גע'פועל'ט.

האבן זיי געזאגט: "רבי, איר זענט שוין דא עטליכע טעג און איר רעדט און רעדט - און איר האט גארנישט געבראכט, עס איז אלץ אזוי ווי פריער, איר האט גארנישט גע'פועל'ט".

האט ער זיי געגעבן א משל [- אלץ איז געווען ביי אים מיט משלים]. עס איז געווען אמאל איינער א אינגערמאן, ער איז געווען אויף קעסט. אז ער איז אראפ פון דער קעסט, איז ער זיך געגאנגען זוכן עפעס א פרנסה. האט ער גענומען דארט דעם נדן און ער איז געפארן דארטן אויפן יריד ער זאל זעהן זיך עפעס א פרנסה צו קויפן דארטן.

איז געשטאנען דארטן אויפן יריד איינער מיט א בלאָז-זאַק, מיט א פינק, און באוויזט א קונץ, עס גייט א רויעך - און מען זעהט גארנישט קיין פייער, און די קינדער לויפן און געבן אים קאפיקעס דערפאר! - א פרנסה, שוין, א גוטע פרנסה.

פרעגט ער יענעם, "וואס דארף דאס קאסטן?". יענער האט געזעהן אז ער ווייסט נישט וואס דא טוהט זיך, האט ער אים געזאגט א גרויסן סכום געלט. האט ער אוועקגעגעבן דעם נדן, און יענער האט אים אוועקגעגעבן דעם דאזיגן שפילעריי... ער האט שוין א פרנסה.

אויפן וועג איז פארלאשן געווארן דאס פונק. ער קומט אהיים - און עס בלאזט גארנישט, עס גייט נישט קיין רויעך, ס'איז גארנישט, פארפאקט דער גאנצער געלט.

לאזט ער אויס צו זיי: "אז עס איז דא א פונק - קען איך צעבלאזן; אבער ביי אייך איז נישטא קיין פונק - קען איך נישט צעבלאזן!".

האט מען דאס דערציילט רבי נתן'ען אז ער האט אזוי געזאגט. האט רבי נתן געזאגט: "עס איז נישט אמת - א פונק איז דא אין יעדן אידן; נאר מען דארף קענען בלאזן!".

**האט רבי נתן נישט געוואלט לײדן וואס ער האט געזאגט - 'עס איז נישטא אין אײך קײן פונק' - א בעסערע בלאזער וועט עס יא צעבלאזן! א פונק איז דא![נב]**

**צו צעבלאזן דעם פונק איז נישט מיט א מין וועג פון ווארפן אויף יענעם א פחד און ווארפן אויף יענעם א מורא; 'נאר' מיט לימוד זכות! - "דער אויבערשטער איז מיט דיר, בײ דיר, לעבן דיר!" דער אויבערשטער וויל דיר, ער קוקט ארום אויף דײן 'עפעס'! וואס דו זאלסט נאר טוהן! 'עפעס'![נג]**

❖

# זעה דער עולם זאל באצאלן

**עס שטײט אין חיי מוהר"ן[נד], אײנער האט געבארגט געלט פאר אסאך מענטשן, ער האט פארבארגט, פארבארגט - און קײנער האט אים נישט אפגעגעבן דאס געלט.**

**איז געקומען אײנער, און ער האט אים אפגעבראכט אביסל געלט. זאגט ער אים: "וואס וועל איך מאכן פון דעם אז דו גיבסט מיר אָפּ ווען אזויפיל געלט קומט מען דאך מיר? בעסער גײ ארום, נעם בײ יעדן אײנעם 'עפעס' - בײ יעדן אײנעם זאלסטו 'עפעס' אײנמאָנען, וועסטו מיר דאך ברענגען א גרויסן סכום געלט!".**

**דו גיסט מיר טאקע אפ, אבער אז אזויפיל טויזענטער מענטשן גיבן מיר נישט אפ, און דו וועסט נעמען בײ יעדן אײנעם 'עפעס' און מיר אפגעבן, וועסטו דאך האבן א גרויסן סכום געלט.**

---

[נב] עיין ליקוטי הלכות הל' שבת ה"ו, אות י"א: יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ הֵם מַאֲמִינִים בְּנֵי מַאֲמִינִים וְשָׁרְשָׁם אֱמוּנָה, עַל כֵּן אֲפִלּוּ **כְּשֶׁנּוֹפֵל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל חַס וְשָׁלוֹם מֵאֱמוּנָה, בְּוַדַּאי עֲדַיִן נִשְׁאַר בּוֹ אֵיזֶה נְקוּדָה מֵאֱמוּנָה**, רַק שֶׁהָאֱמוּנָה בְּקַטְנוּת גָּדוֹל בִּבְחִינַת שְׁבִירָה, אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן עַל כָּל פָּנִים יֵשׁ בּוֹ אֵיזֶה נְקוּדָה טוֹבָה מֵהָאֱמוּנָה.

[נג] עיין ילקוט משה בסופו, וז"ל: מהבעש"ט, **"מוסר ה' - בני אל תמאס", היינו מהו המוסר של השם יתברך? "בני אל תמאס". פירוש, אל תמצא פסול בבני.**

[נד] אות תמ"ז.

דאס איז אנטקעגן 'רעדן מיט מענטשן' (בעבודת ה'); וויפיל דו וועסט נעמען ביי יענעם 'עפעס' - יענער וועט עפעס טוהן, עפעס א מצוה, וועסטו מיר ברענגען זייער אסאך.

דו ביסט טאקע א צדיק, דו ברענגסט מיר אסאך, אבער וואס האב איך פון דיר אליין? - איך וויל דאך אז יעדער איינער זאל עפעס געבן; גיי טוה עפעס, נעם ביי יעדן איינעם עפעס!

אט דאס איז דער ענין פון דַן זיין לכף זכות, ער ווייזט יענעם - "דער אויבערשטער האט דיך ליב, דער אויבערשטער וויל דיך" - דאס איז א געוואלדיגע זאך.

דער רבי זאגט: "אויפהויבן א מענטשן די מוחין איז א געוואלדיגע זאך!"[נה].

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: דא איז דער לשון - "ער איז אים מוותר דעם חוב!") יא יא.

(ר' חיים שלמה: וואס הייסט? ער דארף נישט טוהן אין עבודה?) עס איז פארהאן אמאל, ביי אונזערע לייט אז מען האט געהאט אמאל א געלעגנהייט צו רעדן מיט איינעם פון תכלית, כאטש ער קען אין דער צייט לערנען און דאווענען, האט ער אינגאנצן זיך אוועקגעשטופט - נאר א טובה טוהן א אידן!

אז ער האט דארטן זיינע שיעורים קבועים, און עס קומט איינער אריין אינמיטן - ער קען רעדן א דיבור פון דעם תכלית - דאס האט דאך דער אויבערשטער צוגעשיקט צו מיר - 'אוועקגעלייגט מיינע עבודות - מען דארף ראטעווען א מענטשן!' דארף איך דעמאלט נישט קוקן אויף זיך!

אט דאס איז דאך די מסירות נפש פון צדיקים. די צדיקים זענען מטייל אין גן עדן אין די אלע הייליגע היכלות - און זיי פּאַרענען זיך מיט נשמות רשעים. ער מוז דאך אריינגיין אין דעם צינור פון דעם רשע, דער רשע ליגט דארטן אין זיינע מידות רעות.

ממש אזוי ווי דער רבי זאגט דארט אין דער מעשה פון דעם 'בערגער ועני'[נו]: "דער בערגער איז אריינגעגאנגען צום גענעראל אין שטוב אריין". דאס איז דער 'אבי אבות

---

[נה] עיין שיחות הר"ן אות מ"ג.

[נו] מעשה י' מספר סיפורי מעשיות.

הטומאה׳, דער שורש פון פגם הברית. ״און האט ארויסגענומען דעם ארעמאנ׳ס ווייב״ - ארויסגענומען א נשמה פון דארט.

צוליב דאס ארייגגיין ארויסצונעמען א נשמה, האט ער זיך אינגאנצן מבטל געווען פון זיין עבודה.

דער רבי זאגט אין דער תורה ״תקעו אמונה״[נז]: ״דער צדיקווארפט זיך אריין אין ׳רפש וטיט׳ צו מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן!״ - אזוי טוהט דער אמת׳ער צדיק. ער לאזט אפ זיינע עבודות - און פּאָרעט זיך מיט נשמות ישראל, און ער מוז נאך אויך קריכן דארטן - האבן א געדאנק ׳דארטן׳ וואו יענער איז - אז ער זאל אים קענען פון דארטן ארויסנעמען.

אט דער געדאנק איז ביי אים ווי ער לאזט זיך אריין אין ׳רפש וטיט׳[נח].

ער איז דאך אזוי ווייט דבוק אין דעם אויבערשטן; נאר וויבאלד עס איז א נחת רוח פארן אויבערשטן, ארויסנעמען א נשמה פון דארטן - אט דאס הייסט דאך אהבת השם

---

[נז] ליקוטי מוהר״ן תניינא, אות ט״ו: אֲפִלּוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מֹחַ גָּדוֹל בֶּאֱמֶת, כְּשֶׁמַּגִּיעַ לְאֵיזֶה עֲבוֹדָה, הוּא צָרִיךְ לְהַשְׁלִיךְ כָּל הַחָכְמוֹת וְלַעֲסֹק בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בִּפְשִׁיטוּת. וְצָרִיךְ אֲפִלּוּ לְהִתְנַהֵג וְלַעֲשׂוֹת דְּבָרִים, שֶׁנִּרְאֶה כִּמְשֻׁגָּע בִּשְׁבִיל עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי ה): ״בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד״, **שֶׁבִּשְׁבִיל אַהֲבַת הַשֵּׁם צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת דְּבָרִים הַנִּרְאִין כְּשִׁגָּעוֹן**, כְּדֵי לַעֲשׂוֹת מִצְווֹתָיו וּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי צְרִיכִין לְהִתְגַּלְגֵּל בְּכָל מִינֵי רֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וּמִצְווֹתָיו יִתְבָּרַךְ, **וְלָאו דַּוְקָא מִצְוָה מַמָּשׁ, אֶלָּא כָּל דָּבָר שֶׁיֵּשׁ בּוֹ רְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נִקְרָא מִצְוָה.** כִּי יֵשׁ תַּרְיַ״ג מִצְווֹת, וְאֵלּוּ הַתַּרְיַ״ג מִצְווֹת יֵשׁ לָהֶם עֲנָפִים רַבִּים, וְכָל דָּבָר שֶׁיֵּשׁ בּוֹ רְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁעוֹשִׂין בּוֹ נַחַת לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הוּא בְּחִינַת מִצְוָה, **וְצָרִיךְ לְגַלְגֵּל עַצְמוֹ בְּכָל מִינֵי רֶפֶשׁ וְטִיט, כְּדֵי לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה רָצוֹן וְנַחַת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.**

[נח] עיין ליקוטי הלכות הל׳ ראש חודש ה״ו, אות כ׳: וְהַכֹּל בְּכֹחַ הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁהוֹרִיד אֶת עַצְמוֹ כָּל כָּךְ וְגִלְגֵּל אֶת עַצְמוֹ **בְּכָל מִינֵי רֶפֶשׁ וָטִיט** בִּשְׁבִיל רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁעָסַק עִם בְּנֵי אָדָם הַמְטֻנָּפִים וּמְלֻכְלָכִים מְאֹד בְּמַעֲשֵׂיהֶם, רַחֲמָנָא לִצְלָן, **וּכְמוֹ שֶׁאָמַר אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עַל עַצְמוֹ, וַאֲנִי יָדַי מְלֻכְלֶכֶת בְּדָם וּבְשָׁפִיר וּבְשִׁלְיָא כְּדֵי וְכוּ׳**. גם עיין שם בהל׳ נזיקין ה״ה, אות ט׳: **וְעִקַּר הָרֶפֶשׁ וְהַטִּיט שֶׁמַּשְׁלִיךְ עַצְמוֹ לְשָׁם בִּשְׁבִיל ה׳ יִתְבָּרַךְ הוּא מַה שֶּׁמּוֹרִיד אֶת עַצְמוֹ וּמַשְׁלִיךְ אֶת עַצְמוֹ בְּעִמְקֵי תְּהוֹמוֹת שֶׁהֵם מְקוֹמוֹת הַנְּמוּכִים וְהַמְלֻכְלָכִים מְאֹד שֶׁל אֵלּוּ שֶׁנָּפְלוּ לְשָׁם בַּעֲוֹנוֹתֵיהֶם** וְתַאֲוֹתֵיהֶם הָרָעוֹת שֶׁזֶּהוּ עִקַּר בְּחִינַת נְפִילַת הַמִּשְׁפָּט עַד הַתְּהוֹם. וְהַצַּדִּיק בְּגֹדֶל רַחֲמָנוּתוֹ עַל צַעַר הַשְּׁכִינָה וְיִשְׂרָאֵל הוּא מַשְׁלִיךְ עַצְמוֹ לְשָׁם כְּדֵי לְהַעֲלוֹת הַנְּפָשׁוֹת הַנְּפוּלוֹת מִשָּׁם מֵעִמְקֵי תְּהוֹמוֹת תַּחְתִּיּוֹת, **שֶׁזֶּהוּ עִקַּר בְּחִינַת רֶפֶשׁ וָטִיט שֶׁמַּשְׁלִיךְ הַצַּדִּיק עַצְמוֹ לְשָׁם בִּשְׁבִיל ה׳ יִתְבָּרַךְ.**

**יתברך - קוקט ער אויף זיך גארנישט, ער ווארפט זיך אין אלע ערטער, ער וויל נאר א טובה טוהן א איד![נט].**

# א קעשענע מיט דיבורים...

(ר' חיים שלמה: און דאס איז טאקע פאר יעדן איינעם?) **אט דער תירוץ - זאגן - 'איך האב נישט קיין דיבורים' - דאס איז ביי אונז נישט קיין תירוץ!**

**דער פסוק זאגט[ס]: "אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה' אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ". עס שטייט נישט 'אז ידברו'. "נדברו" איז דער טייטש - עס ווערט גערעדט. אז מען קומט זיך צונויף - רעדט זיך שוין אליין, עס ווערט שוין גערעדט דיבורים.**

**אז די כוונה איז לשם גאוה - קען טאקע קיין דיבורים נישט זיין אויך, אבער אז מען קומט זיך צונויף און די כוונה איז צו רעדן א דיבור פון יראת שמים, נתעורר ווערן צו תשובה - אויב דאס איז די כוונה, העלפט דער אויבערשטער אז עס ווערט דיבורים!**

**ווארום די אלע וואס האבן גערעדט דיבורים פון תכלית און געקענט אפרעדן שעה'ן - האבן דען צוגעגרייט דיבורים? מען קען אנלייגן א קעשענע מיט דיבורים? עס קען דאך נישט זיין אין דער וועלט! נאר וואס דען? אז די כוונה איז געווען אַן אמת'ע כוונה צוליב דעם תכלית, העלפט דער אויבערשטער, ווערט מקויים: "וָאָשִׂים דְּבָרַי בְּפִיךָ"[סא], דער אויבערשטער זאגט - 'איך וועל דיר ארייַנלייגן מיינע דיבורים אין דיין מויל אריין, איך וועל דיר געבן דיבורים; איך וויל נאר איין זאך - קומט זיך צונויף, קומט זיך צונויף - און אייער כוונה זאל זיין צוליב מען זאל קענען רעדן פון דעם תכלית!'.**

---

[נט] עיין חיי מוהר"ן אות רנ"ז: שָׁמַעְתִּי שֶׁאָמַר יֵשׁ לִי הַשָּׂגָה כָּזוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁהָיִיתִי יָכוֹל לְהָבִיא עַל יָדָהּ אֶת מָשִׁיחַ, אֲבָל סִלַּקְתִּי הַכֹּל וְלָקַחְתִּי עַצְמִי אֶצְלְכֶם לְהַחֲזִיר אֶתְכֶם לְמוּטָב, כִּי זֶה גָּדוֹל מִן הַכֹּל, כִּי זַכָּאָה מָאן דְּאָחֵד בִּידָא דְחַיָּבָא.

[ס] מלאכי ג, טז.

[סא] ישעי' נא, טז.

אין דער משנה פון אבות שטייט[סב]: "כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו - חכמתו מתקיימת". זאגט דער רע"ב - דער ברטנורא - ער איז "מקדים במחשבתו יראת חטאו - אלמוד כדי שאהיה ירא חטא" - אזוי טייטש דער רע"ב.

**אז איך וויל לערנען כדי צו זיין א 'ירא חטא', הייסט דאס שוין 'יראת חטאו קודמת לחכמתו'!**

פארוואס קומט מען זיך צונויף דא? וואס איז אונזער כוונה? מיר מיינען עפעס געלט מיט כבוד? מען קומט זיך צונויף - דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל אריינגיין עפעס א הרהור תשובה! - אט דאס איז שוין א גוטע כוונה, העלפט דער אויבערשטער, גיט שוין דער אויבערשטער דיבורים, איז שוין דא דיבורים.

❖ ❖ ❖

## "וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ"

['לכבוד שבת פרשת פרה']

רבי נתן ברענגט אין דער תפילה דארטן פון "פרה"[סג], דאס וואס די פרה אדומה איז מטהר פון 'טומאת מת', דאס מיינט מען 'פגם הברית', אט דאס איז דער 'אבי אבות הטומאה'[סד]. און דער רבי זאגט דא[סה], "פרה איז תפילה".

עס ווערט געבראכט; ביי דער פרה אדומה שטייט[סו]: "זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר". וואס איז דער 'לאמר'? עס שטייט דאך שוין דארט: "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל";

---

[סב] פ"ג, מ"ט.

[סג] ליקוטי תפילות חלק שני, תפילה ל"ז.

[סד] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' רמ"ב.

[סה] עיין שם בליקוטי מוהר"ן סי' נ"ה אות ד', וז"ל שם: וְזֶהוּ בְּחִינַת פָּרָה אֲדֻמָּה, כְּמַאֲמַר הַזֹּהַר (חֻקַּת דַּף ק"פ:) 'פָּרָה דְּקָבֵילַת מִשּׁוֹר'. פָּרָה, זֶהוּ בְּחִינַת תְּפִלָּה, בְּחִינַת (הוֹשֵׁעַ י"ד): "וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ". דְּקָבֵילַת מִשּׁוֹר, בְּחִינַת הִסְתַּכְּלוּת, לְשׁוֹן (בְּמִדְבַּר כ"ד): "אֲשׁוּרֶנּוּ וְלֹא קָרוֹב". כִּי עַל יְדֵי בְּחִינַת: "אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים" כַּנַּ"ל, נַעֲשֶׂה בְּחִינַת תְּפִלָּה.

[סו] במדבר יט, ב.

וואס איז דער לאמור? ווערט געברואכט[סז], "לאמור" - מען זאל 'זאגן' דער פרשה פון 'פרה אדומה'.

דאס איז א רמז, אפילו עס וועט זיין א צייט וואס עס וועט זיין נאר דער 'לאמור', מיר האבן דאך נישט קיין פרה אדומה היינט, האבן מיר אבער דעם "לאמר". מיטן 'לאמר' איז מען היינט מקיים דער 'פרה אדומה'. דער 'לאמור' איז, עס וועט זיין א זמן וואס די פרה אדומה וועט זיין מיטן 'זאגן' - מיט תפילה, "וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ". און אזוי אויך ליינט מען די פרשה פון פרה אדומה[סח].

'טומאת מת' דאס איז פגם הברית, דאס איז דער 'אבי אבות הטומאה' רח"ל. ווער שמועסט נאך, איצטער ווען די חבלי משיח איז זיך מתגבר אזוי, די קליפה - עס איז א געוואלד, א געוואלד. איז די עצה, דארף מען רעדן צום אויבערשטן דיבורים, אט דאס איז 'פרה אדומה' - 'תפילה'!

❖

## נישטא קיין סאך אזעלכע תפילות...

(ר' חיים שלמה: דער רבי זאגט אין דער תורה "כי מרחמם"[סט], אז 'לדבר עם חבירו ביראת שמים' דארף מען אליין האבן יראת שמים!) אָה, ווען מען קומט צו דער זאך, דערמאנען מיר דעם (אויבנדערמאנטן) רע"ב.

---

[סז] עיין עבודת ישראל לפר' פרה: וידבר ה' כו' זאת חוקת התורה אשר צוה ה' לאמר (במדבר יט, א-ב). נראה לפרש מלת לאמר, מורה כדעת האומרים שפרשת פרה מדאורייתא, ולזה בא הרמז בתורה אשר צוה ה' לאמר, **שאפילו בזמן הזה שאין לנו בית לעשות פרה כתיקונה, צריך לקרות הפרשה 'ונשלמה פרים שפתינו' ותהיה אמירת הפרשיות במקום עשיית הפרה. וזהו 'לאמר'.**

[סח] עיין מאור ושמש פר' חוקת: והנה הפרה שצוה הקב"ה ליקח הוא רק לטהר את האדם מטומאתו, וזה היה בזמן המקדש אבל **עתה בעוונותינו הרבים שחרב בית המקדש אין לנו טהרה אלא כשאנו לומדים ועוסקים בתורת פרה ובמצוותיה על ידי זה אנו נטהרין.** וזה פירוש הפסוק זאת חוקת דהיינו מצות פרה שהיא חוקה והיא כדי לטהר, **התורה אשר צוה ה' לאמר, רצה לומר, שתאמרו ותעסקו בתורת ה' הוא גם כן מטהר.**

[סט] אות ה'.

וואס הייסט 'האבן יראת שמים'? פריער זאגט דער רבי, 'כל אדם' קען מקיים זיין דאס דאזיגע. נאכדעם זאגט דער רבי, 'מען דארף אליין האבן יראת שמים'. לכאורה, דער רבי זאגט דאך פריער 'כל אדם' - יעדער מענטש קען די זאך מקיים זיין, און נאכדעם זאגט דער רבי 'אמנם'?

נאר די כוונה איז, 'פארוואס וויל איך רעדן? ווייל איך וויל האבן יראת שמים'. איך וויל האבן יראת שמים - דערפאר וויל איך רעדן. אז ער איז מקדים 'במחשבתו, יראת חטאו', קען מען שוין רעדן.

טאמער איז נישט דאס די כוונה, קען ער טאקע נישט רעדן. אז ער האט דארטן א פעקל ארויסצופאקן - א פעקל מיט גאוה, אויב דאס איז די כוונה, קען ער טאקע נישט רעדן. וואס ווערט פון אזא רעדן?!

די כוונה איז, מען קומט זיך צונויף נאר דערפאר ווייל מען וויל זיך ראטעווען, מען וויל האבן עפעס א הרהור תשובה, אט דאס הייסט שוין אז ער האט פריער יראת שמים, אט דאס איז די כוונה - צוליב יראת שמים.

מען פלעגט תמיד פרעגן דיין קשיא, דא שטייט 'וכל אדם', און דא שטייט 'אמנם'? נאר דאס איז דער תירוץ, אויב דאס איז די כוונה - קען שוין יעדער איינער רעדן, און דאס איז אַן אמת'ע כוונה טאקע.

עס איז א געוואלדיגע זאך דאס צונויף קומען זיך און רעדן פונעם רבי'ן. וואס רעדט מען תמיד? מען רעדט עפעס פון לשון הרע מיט רכילות? מען רעדט פונעם רבי'ן, פונעם תכלית, ווי מען איז יעדע רגע אין א סכנה.

יעדער מענטש איז אין א סכנה בכלל, יעדער איבר איז אין א סכנה בפרט. היינט איז דאך יעדער איבר אין א סכנה - די אויגן איז אין א סכנה, עס איז שוין ווארעם, עס הויבט אָן ווערן זומער, און די הלבשה איז דאך א געוואלד, א געוואלד. וואס איז די עצה דערצו? דארף מען ארויסנעמען דעם 'כלי זיין', בעטן דעם אויבערשטן.

אז מען גייט ארויס אינדרויסן און מען קומט אריין צוריק גאנץ, איז מען 'נכנס ויצא בשלום'.

מען בעט[ע]: "**ושמור צאתינו ובואינו לחיים**". מילא ווען איך מוז גיין; אבער אויב איך קען זיך איינהאלטן איך זאל נישט גיין - דארף איך וואס ווינציגער גיין אינדרויסן; נאר אויב בהכרח מוז איך שוין גיין אינדרויסן, זאל איך בעטן דעם אויבערשטן, זיך צוגרייטן.

"**כי תצא** - *למלחמה*" - אז מען גייט נאר ארויס אינדרויסן, איז שוין א מלחמה. אבער אז מען ווייסט אז עס איז א מלחמה - בעט מען דעם אויבערשטן. ביים אויבערשטן איז זייער חשוב אזעלכע תפילות! ביים אויבערשטן איז אזעלכע תפילות זייער חשוב!

אז מען גייט ארויס אינדרויסן בעט מען דעם אויבערשטן איך זאל אריינקומען א גאנצער, איך זאל נישט ווערן צעקלאפט אינדערויסן, די אויגן זאלן מיר נישט ווערן קאליע, די געדאנק זאל נישט ווערן קאליע - און דער אויבערשטער העלפט.

ביים אויבערשטן איז זייער חשוב אזעלכע תפילות, דער אויבערשטער האט נישט קיין סאך אזעלכע... - געוועגטליך א ברסלב'ער חסיד האט די תפילות. זאל ער בעטן פארטאגס - עס גייט דאך עפעס א טאג - וואו מען גיט זיך א ריר איז דאך אלץ נסיונות - 'רבונו של עולם - וואו מען גיט זיך א ריר - דער דיבור, די אויגן, און וואו מען רירט זיך נאר אלץ!'.

---

[ע] עי' שו"ע יורה דעה הל' מזוזה רפ"ה סעיף ב' ברמ"א: **יֵשׁ אוֹמְרִים כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא מִן הַבַּיִת יַנִּיחַ יָדוֹ עַל הַמְּזוּזָה וְיֹאמַר: ה' יִשְׁמֹר צֵאתִי וְכוּ'**. ובברכי יוסף שם ס"ק ד': והאר"י זצ"ל כתב יניח אצבעו הנקרא אמה על שדי וינשקהו **ויתפלל לה' שישמרנו** בשם שדי וחילופו באותיות המאוחרות תכ"ה **שיצילנו מיצר הרע**.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מו"ה **שמעון האס** הי"ו
קרית יואל
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מו"ה **נחמן שמעון האס** הי"ו
מאנסי
לרגל הכנסת בנו כמר חיים
בנציון לעתומ"צ
למזל טוב

הרב **אליעזר וואלדמאן** הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה **מתתי' זעלצער** הי"ו
בארא פארק
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

הרב **בערל כ"ץ** הי"ו
מאנסי
לרגל נישואי בנו
החה"ח אברהם
למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן-ציון**
**בן מינדל**
לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים